STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03485

TROYMER

Knut Hamsun

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קנוט האמסון.

טרוימע.

— ראמאן —

איבערזעצט פון

א. פרומקין און פ. אלכסאנדראוויטש.

ארויסגעגעבן פון ל. פריעדמאן.

לאָנדאָן 1915.

I.

ביים קיך־פֿענסטער פֿון׳ם פּאַסטאָר־הויף שטעהט די מאַמזעל פֿון הויז, מאַריע וואַן לאָאָז; איהר בליק קוקט אַרוים איבער׳ן וועג ביז ווייט אַרויף. זי קען די צוויי דאָרט אויבען ביים פּאַרקען, ס׳איז ניט קיין אַנדערער, נור דער טעלעגראַפֿיסט ראָלאַנדסען, איהר אייגענער חתן, מיט אָלגאַ׳ן, דעם קירכען־דיענער׳ס טאָכטער. שוין דאָס צווייטע מאָל היינטיגען פֿריהלינג, אַז זי זעהט אָט דיביידע צוזאַמען; וואָס זאָל דאָס פֿאָרט הייסען? וואָלט יונגפֿרוי וואַן לאָאָז גראָד אין דער רגע ניט געווען אַזוי פֿערנומען, וואָלט זי גלייך אַרויפֿגעגאַנגען צו זיי און פֿערלאַנגט אַן ערקלעהרונג.

אָבער וואו האָט זי צייט געהאַט דערצו? יעדע שטונדע האָט מען ערוואַרט דעם נייעם פּאַסטאָר מיט זיין פֿאַמיליע, און איבעראַל אין דעם גערוימען הויז האָט געהערשט אַ גרויסע, אונאויפֿהערליכע טהעטיגקייט. דעם קליינעם פֿערדינאַנד האָט מען אַוועקגעשטעלט ביי אַ דאַך־פֿענסטער; ער זאָל קיין אויג ניט אַראָבנעהמען פֿון ים און געבען צו וויסען, ווען זיי וועלען אָנקומען, כדי די רייזענדע זאָלען געפֿינען פֿאַרטיגען וואַרעמען קאַפֿע. זיי וועלען געוויס דאַרפֿען עפּעס זיך צו דערפֿרישען. ראָזענגאַארד, דער פּלאַץ וואו די דאַמפּף־שיפֿען שטעלען זיך אָב, איז אַ מייל די ווייט, און פֿון דאָרט ברייננט זיי דאָס שיפֿעל אַריבער אַהער.

נאָך ליגט אַביסעל שנעע און אייז אויף די פֿעלדער, אָבער ס'איז מאַי און אַ שעהן וועטער, און דער טאָג איבער'ן צפון־לאַנד איז לאַנג און ליכטיג. סאָראָקעס און קראָהען בויען פֿלייסיג זייערע נעסטען, און אויף'ן נאַקעטען בערגעל איז דאָס גראָז שוין גרין. די ליליע אין גאָרטען האָט אין מיטען שנעע אויפֿגעבליהט און אַרויסגעשאָסען מיט איהרע קנאָספען.

נו, איז אינטערעסאַנט געווען צו וויסען, וואָס פֿאַר אַ מין מענש דער נייער פּאַסטאָר איז. דער גאַנצער קירך־בעצירק איז געווען געשפּאַנט עס צו דערגעהן. נאַטירליך האָט ער נור געזאָלט זיין אַ הויז־גייסטליכער און אויף דער־וויל פֿערנעהמען די שטעלע, ביז עס וועט בעשטימט ווערן אַ ווירקליכער פּאַסטאָר; אָבער די שטעל־פֿערטרעטונג דורך די הויז־גייסטליכע האָט אָפֿט אין דער דאָזיגער געמיינדע געקענט דויערן אַ לאַנגע צייט. די פֿישער־בעפֿעלקערונג איז געווען אָרים און דערצו איז נאָך געווען אַ צווייג־קירכע, וואוהין דער פּאַסטאָר האָט געמוזט אַריבערפֿאָהרען יעדען פֿערטען זונטאָג, און אָט די רייזע איז געווען שווער גענוג. ס'איז אַלזאָ ניט געווען אַזאַ אַמט, וואָס מען זאָל זיך זעהר שטאַרק יאָגען נאָך דעם.

הויז־גייסטליכע, פֿלעגט מען זאָגען, זיינען רייכע לייט, וואָס קאַרגען ניט דעם שילינג. די מאַמזעל פֿון הויז און צוויי מיידלעך זיינען שוין פֿון פֿריהער צוגעגרייט געוואָרען; אויך מיט אַנדערע הילפֿס־קרעפֿטען פֿאַר'ן פּאַסטאָר־הויף האָט מען ניט געשפּאָרט, נאָר געדונגען צוויי משרתים; דערצו איז נאָך צוגעקומען דער קליינער פֿערדינאַנד, אַ פֿלינק און לעבעדיג יונגעל, וואָס האָט געזאָלט בעזאָרגען געוויסע זאַכען פֿאַר אַלעמען. אין דער געמיינדע האָט עס געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק, דאָס וואָס דער פּאַסטאָר האָט געהאַט אַ

נאָמען פֿאַר אַ פֿערמעגליכען מאַן. דאַן װעט ער אודאי ניט זײן אימער אַזױ פּינקטליך מיט׳ן אָפּפֿער, װאָס מען דאַרף איהם ברײנגען, און מיט זײנע פּריװילעגיעס, נאָר אדרבה, ער װעט נאָך די אָרעמע לײט אַביסעל צוהעלפֿען. די שפּאַ־נונג איז געװען גרױס. דעם פּאַסטאָר׳ס בײדע געהילפֿען און אַ פּאָר אַנדערע פֿישער זײנען שױן געװען אונטען בײם ברעג, מקבל פּנים צו זײן די געסט; זײ זײנען דאָרט געשטאַנען אין זײערע שװערע שטיװעל, און זײ האָבען געקײט טאַבאַק און געשפּיגען און געפּלױדערט.

נו האָט זיך ענדליך אױך דער הױכער ראָלאַנדסען שטי־לערהײט ארונטערגעלאָזט מיט׳ן װעג צום װאַסער. ער האָט אָבגעלאָזט אָלגאַ׳ן, און יונגפֿרױ װאַן לאָאָז איז אַװעק פֿון איהר קיך־פֿענסטער. זי װעט איהם שױן שפּעטער אַמאָל זאָגען איהר מײנונג; ס׳איז ניט געװען קײן זעלטענהײט בײ איהר, זי האָט אָװע ראָלאַנדסען׳ן אָפֿט געמוזט אױסרײדען און איהם מאַכען פֿאָרװירפֿע. זי איז געװען פֿון האָלענדישער אָבשטאַמונג, האָט גערעדט בערגענזיש און איז געװען אַזױ רײדעװדיג, אַז איהר אײגענער חתן איז געצװאונגען געװען איהר צו געבען דעם צונאָמען „באָדען־לאָאָז“. איבערהױפּט, דער הױכער ראָלאַנדסען איז געװען אַ װיציגער, דרײסטער מאַן.

װאוהין האָט ער זיך איצט געלאָזט געהן? האָט ער װירקליך ברעה געהאַט צו בעגעגענען די פּאַסטאָר־פֿאַמיליע? ער איז הײנט געװים ניט ניכטערער געװען װי אַזױ אָפֿט. אין זײן קנאָפּ־לאָך האָט געשטעקט אַ בליהענדער ליליען־צװײג, און דער הוט איז איהם געװען פֿעררוקט אַביסעל אָן אַ זײט: אַזױ װעט ער דאָס אױפֿטרעטען. דעם פּאַסטאָר׳ס געהילפֿען אונטען בײם ברעג װאָלטען, פֿערשטעהט זיך, צו־פֿריעדענער געװען, װען ער װאָלט זיך אין אָט דער שטונדע,

אין אָט דער וויכטיגער שטונדע, גאָר פֿאַר די אויגען ניט גע־וויזען.

און ווירקליך, האָט עס דען געפּאַסט, אויסצוזעהן ווי ער? זיין גרויסע נאָז איז געווען צו אונבעשיידען פֿאַר דעם קליי־נעם, ווייניג בעדייטענדען אַמט, וואָס ער האָט פֿערטראָטען אין לעבען; און דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס ער האָט זיך דעם גאַנצען ווינטער נאָכאַנאַנד געלאָזט וואַקסען די האָר, אַזוי אַז זיין קאָפּ האָט אַלץ מעהר און מעהר גע־קראָגען דעם אויסזעהן פֿון אַ קינסטלער־קאָפּ. זיין כלה פֿלעגט זאָגען, כדי זיך מיט איהם אָבצורעכענען, אַז ער זעהט אויס ווי אַ מאַלער, וועלכער ווערט סוף כל סוף אַ פֿאָטאָגראַף. ער איז איצט געווען אַ בחור פֿון פֿיער און דרייסיג יאָהר; ער האָט געשפּיעלט גיטאַרע און געזונגען מיט אַ באַס-שטימע די ליעדער פֿון'ם קירך־בעצירק; ביי די ריהרענדע שטעלען פֿלעגט ער זיך צולאַכען, אַז די טרעהרען פֿלעגען איהם רינען פֿון די אויגען. אַזוי גרויסאַרטיג איז ער געווען אין אַזעלכע זאַכען! ער איז געווען פֿאָרשטעהער פֿון דער טעלעגראַפֿען־סטאַציאָן און שוין צעהן יאָהר אויף דער היגער שטעלע. ראָלאַנדסען איז געווען הויך געוואַקסען און שטאַרק געבויט; אַ געשלעג איז ביי איהם געווען אַ קלייניגקייט, ווען ס'האָט זיך נור געמאַכט די גינסטיגע געלעגענהייט דערצו.

איצט טהוט דער קליינער פֿערדינאַנד אַ ציטער. פֿון זיין דאַך־פֿענסטער זעהט ער, ווי דער פֿאָדער־טהייל פֿון קויפֿמאַן מאַק'ס ווייס שיפֿעל קירעוועט זיך אוים אַרום דעם לאַנד־האַלז צום ברעג צו; אין אַ רגע און אין דריי פֿערריקטע שפּרונגען לויפֿט ער אַרונטער די טרעפּ און שרייט אַריין אין קיך: „נאַ, זיי זיינען אַלזאָ דאָ!"

„גאָט, זיי זיינען שוין דאָ!" טהוען די מיידלעך אַ געשריי און בלייבען צומישט. נאָר די מאַמזעל פֿון הויז פֿערלירט

זיך ניט, זי האָט שוין דאָ ביי דעם פֿריהערדיגען פּאַסטאָר געדיענט און פֿערשטעהט איהר אַרבייט, טיכטיג און פּראַקטיש ווי זי איז. „אַריבער מיט דעם קאַפֿע!" איז אַלעס, וואָס זי זאָגט.

דער קליינער פֿערדינאַנד שפּרינגט מיט זיין נייעם ווייטער צו די הויז־דיענער. די וואַרפֿען אַוועק, וואָס זיי האַלטען אין דער האַנד, טהוען זיך אויף גיך אָן זייערע זונטאָג־רעקלעך און לויפֿען אַרונטער צום ברעג, כדי בעהילפֿיג צו זיין. אַרום און אַרום זיינען דאָרט געווען צעהן מאַן אויפֿצונעהמען די געסט.

„גוטען טאָג," זאָגט דער פּאַסטאָר הינטען פֿון שיפֿעל אַריבער און שמייכעלט אַביסעל און נעהמט אַראָב זיין ווייכען הוט. און יעדער איינער אויף דער יבשה נעהמט עהרפֿורכטיג אַרונטער דעם הוט, און דעם פּאַסטאָר'ס געהילפֿען פֿערנייגען זיך אַזוי טיעף, אַז זייערע לאַנגע האָר גרייכען ביז די אויגען. דער הויכער ראָלאַנדסען מאַכט פֿון דער זאַך אַביסעל אַ קלענערן ווען ווי די אַנדערע, ער שטעהט געראַד ווי אַ ליכט, נאָר אויך זיין הוט לאָזט זיך טיעף אַראָב.

דער פּאַסטאָר איז אַ יונגער מאַן מיט רויטליכע באַקענבערד און מיט זומער־שפּריינקעלעך; זיינע נאָז־לעכער זיינען כמעט צוגעשטאָפּט מיט די האָר פֿון זיינע וואָנסען. די פֿרוי ליגט אַ זעע־קראַנקע און אַן אויסגעמאָרטע אין שטיבעלע דאָרט אויף'ן שיפֿעל.

„מיר זיינען שוין אָנגעקומען," זאָגט דער פּאַסטאָר, זיך ווענדענדיג צו דער טהיר פֿון'ם שטיבעל, און העלפֿט זיין פֿרוי אַרויסגעהן. ביידע געהען זיי אָנגעטהאָן אין מערקווירדיג אַלטע דיקע קליידער, וועלכע ליגען ניט בעזונדערס גוט אויף זיי. דאָס זיינען, פֿערשטעהט זיך, נור אויבער־קליידער, וואָס זיי האָבען זיך אַנטליהען פֿאַר דער רייזע; זייער פֿיינע

גאַרדעראָבע האָבען זיי פּערפאַקט. דער הוט האָט זיך דער פרוי אַרונטערגערוקט ביז׳ן נאַקען, איהר בלאַס געזיכט מיט די גרויסע אויגען ציהט צו צו זיך די בליקען פון די מענער. דער געהילף לעוויאָן בראָדושעט צו צום שיפעל און טראָגט זי אַריבער אויף דער יבשה, בעת ווען דער פּאַסטאָר געהט אַליין אַריבער, אָהן וואָס פּאַר עס איז הילף.

„מיין נאָמען איז ראָלאַנדסען, טעלעגראַפיסט," זאָגט דער הויכער ראָלאַנדסען און קומט צו נעהענטער. ער איז גוט שכור און האָט גלעזערנע אויגען, נאָר אַזוי ווי ער איז אַ מענש מיט מאַניערען, איז זיין האַלטונג גאַנץ זיכער. האָהאָ, דער טייוועל ראָלאַנדסען פלעגט ניט מאַכען קיין פעהלערן, ווען ס׳איז געגאַנגען אין דעם צו קומען צווישען די גרויסע און זיך אַרומוואַרפען מיט די אַלע פיינע רייד, וועלכע מען מוז דערצו האָבען. „ווען איך קען," האָט ער ווייטער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צום פּאַסטאָר, „וואָלט איך אייך דאָ אונז אַלעמען פאָרגעשטעלט. די צוויי דאָרט זיינען, דוכט מיר, דעם פּאַסטאָר׳ס געהילפען. דאָס דאָ זיינען אייערע ביידע דיענער. דאָס איז פערדינאַנד."

און דער פּאַסטאָר און די פרוי פּאַסטאָר שאָקלען יעדען איינעם צו מיט׳ן קאָפּ: „גוטען טאָג, גוטען טאָג," זיי וועלען זיך דאָך באַלד בעקענען מיט אַלעמען. יאָ, יאָ, אַצונד דאַרף מען אַלזאָ אַריבערנעהמען די זאַכען אויף׳ס לאַנד.

נאָר דער געהילף לעוויאָן טהוט אַ קוק צום שטיבעלע אויף׳ן שיפעל און האָט בדעה נאָך אַמאָל אַריבערצובראָדזשען. „זיינען ניטאָ קיין קליינע דאָרט?" פרעגט ער.

מען ענטפערט איהם ניט, און אַלע קוקען אויף׳ן פּאָר־פאָלק.

„צי עס זיינען ניטאָ קיין קינדער דאָרט?" האַלט זיך דער געהילף ביי זיין פראַגע.

„ניין,“ ענטפֿערט דער פֿיהרער פֿון׳ם שיפֿעל אַריבער.

דער פֿרוי׳ס געזיכט האָט זיך געררויטעלט. דער פּאַסטאָר האָט געזאָגט:

„נור מיר. . . . דאַן קומט איהר, הייסט עס, נאָך׳ן טראַנספּאָרטירען די זאַכען אַרויף אויבען, איהר אַלע.“

נאַטירליך איז ער געווען רייך. ער איז ניט געווען דער מאַן צו פֿערהאַלטען די אָרעמע לייט זייער לוין; דער פֿרי־הערדיגער פּאַסטאָר פֿלעגט קיינמאָל ניט דערמאָנען קיין וואָרט וועגען די זאַכען, ער פֿלעגט נור זאָגען: „שעהנעם דאַנק ביז שפּעטער.“

זיי האָבען זיך געלאָזט אַרויפֿגעהן צום פּאַסטאָר־הויף, און ראָלאַנדסען איז געווען דער פֿיהרער. ער איז געגאַנגען אין שנעע אָן אַ זייט ביים וועג, כדי די אַנדערע זאָלען האָבען פּלאַץ; ער האָט געטראָגען שעהנע לאַקירטע שיך, נאָר דאָס האָט איהם ניט געאַרט, אויך די יאַק האָט ער געלאָזט אָפֿען אין׳ם קיהלען מאַי־וויגד.

„אָט איז דאָך די קירכע!“ רופֿט זיך אָב דער פּאַסטאָר.

„זי זעהט אויס אַלט. וואָס זשע, ס׳איז געווים ניטאָ קיין אויוען אינעווייניג?“ פֿרעגט די פֿרוי.

„פֿרעגט מיך אַ גרינגערע זאַך,“ האָט ראָלאַנדסען גע־ענטפֿערט; „אָבער איך מיין, אַז ניט.“

דער פּאַסטאָר איז געבליבען ערשטוינט. ער האָט, הייסט עס, ניט קיין קירכען־געהער דאָ פֿאַר זיך, נאָר אין געגענ־טהייל איינעם, וואָס מאַכט ניט קיין גרויסען אונטערשיעד צווישען אין דערוואָכען און זונטאָג. און דער פּאַסטאָר איז געוואָרען אַביסעל צוריקגעהאַלטענער אַנטקעגען דעם פֿרעמדען.

די מאַמזעל פֿון הויז איז געשטאַנען אויף די טרעפּ, און ראָלאַנדסען האָט ווידער פֿאָרגעשטעלט. דאָס אָבגע־טהאָן, האָט ער געגריסט און געוואָלט אַוועקגעהן. „וואַרט

אַ ווײלינקע, אָווע !" האָט יונגפֿרוי וואַן לאָאָז געשעפּטשעט. אָבער ראָלאַנדסען האָט ניט געוואַרט, ער האָט ווידער אַמאָל נעגריסט און איז הינטערווײלעכס אַרונטער די טרעפּ. דאָס מוז זיין אַ מאָדנער הײליגער, האָט זיך דער פּאַסטאָר גע־טראַכט.

די פֿרוי איז גלײך אַרײן אין שטוב. זי האָט זיך אָנגעהויבען ערהוילען פֿון דער זעע־קראַנקהײט און בעטראַכט די צימערן. זי האָט געבעטען, אַז די ליכטיגסטע און שעהנסטע שטוב זאָל ווערן דעם פּאַסטאָר'ס אַרבײטס־צימער. ווײטער פֿאַר זיך אַלײן האָט זי גענומען דאָס צימער, וואו יונגפֿרוי וואַן לאָאָז האָט ביז אַהער געוואוינט.

II.

ניין, ראָלאַנדסען האָט ניט געוואָרט: ער האָט געקענט יונגפֿרוי וואַן לאָאָז און געוואוסט, וואָס איהם שטעהט פֿאָר. און ער האָט אַזוי ווייניג לוסט געהאַט צו טהאָן עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס ער אַליין האָט געוואָלט.

אויבען אויף'ן וועג האָט ער בעגעגענט אַ פֿישער פֿון דער געמיינדע, וועלכער איז געקומען צו שפּעט מקבל פּנים צו זיין דעם פּאַסטאָר. ס'איז געווען ענאָך, דער מונטערער און מילדער מאַן, וואָס איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, און צוליעב אַ ווייטאָג אין די אויערן האָט ער אימער געטראָגען אַ טוך אַרום קאָפּ.

„דו האָסט זיך פֿערשפּעטיגט,“ האָט ראָלאַנדסען פֿערביינגעהענדיג געזאָגט.

„וואָס זשע, ער איז שוין דאָ?“

„ער איז שוין דאָ. איך האָב איהם געדריקט די האַנד.“ איבער די שולטערן האָט איהם ראָלאַנדסען אַריבערגעשריען. „מערק דיר, וואָס איך זאָג, ענאָך: כ'בין איהם מקנא פֿאַר זיין פֿרוי.“

דאָ האָט ער זיין דרייסטע און לייכטזיניגע מיטטהיילונג אַרויסגעשיקט אויף'ן ריכטיגען אַדרעס. ענאָך וועט שוין זאָרגען דערפֿאַר, אַז דאָס זאָל צוטראָגען ווערן צווישען דעם עולם.

ראָלאַנדסען איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער ביים וואַלד און איז צוגעקומען צום טייך. דאָ איז געלעגען קויפמאַן מאַק'ס פישליים־פאַבריק ; עס האָבען דאָרט גע־אַרבייט אַ פּאָר מיידלעך, מיט וועמען ראָלאַנדסען פלעגט גערן מאַכען אַביסעל שפּאַס, יעדעס מאָל וואָס ער איז דאָרט פערבייגעגאַנגען. ער איז אין דעם פּרט ווירקליך געווען אַ פערריקטער בחור, דאָס האָט יעדער געזאָגט. אַחוץ דעם איז ער היינט געווען זעהר גוט אויפגעלעגט און איז געבליבען שטעהן לענגער ווי געוועהנליך. די מיידלעך האָבען נאַטירליך געזעהן, אַז ער איז גוט שכור.

„נאַ ראָגנאַ, וואָס דיינקסט דו איינענטליך, נאָך וואָס קום איך פּאָרט אַהער אַזוי אָפט ?" האָט ראָלאַנדסען געפרעגט.

„וואָס וויים איך ?" האָט ראָגנאַ געענטפערט.

„דו מיינסט נאַטירליך, אַז דער אַלטער לבן טרייבט מיך אַהער."

די מיידלעך האָבען זיך צולאַכט :

„ער זאָגט ל ב ן און מיינט א ד ם."

„ראַטעוועט וויל איך דיך," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט. „דו מוזסט זיך פּאַר די פישער־יונגען דאָ אַרום גוט היטען, דאָס זיינען גאַנץ ביטערע פערפיהרער."

„איהר אַליין זייט דער גרעסטער פערפיהרער," רופט זיך אָב אַן אַנדער מיידעל. „איהר האָט דאָך צוויי קינדער. שעהמען האָט איהר זיך בעדאַרפט."

„עי, ניקאָלינע, דו זאָגסט דאָס ? דו ביזסט אימער געווען אַ טשוואָק פּאַר מיין טויטען־קאַסטען, ניקאָלינע, דו וויסט עס גאַנץ גוט. אָבער דיך, ראָגנאַ, וועל איך ראַטע־ווען, צי דו ווילסט צי ניט."

„איהר קענט דאָך געהן צו יונגפרוי וואַן לאָאָז," זאָגט ראָגנאַ.

„אָבער דו האָסט דאָך גאָר קיין שכל ניט," זאָגט ראָלאַנדסען ווייטער. „וויפיעל שטונדען דעמפּסט דו אַשטיי־נער די קעפּ פון די פיש, איידער דו שרויפסט צו דעם לופט־דעקעל?"

„צוויי שטונדען."

און ראָלאַנדסען שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דאָס האָט ער אַליין אויך אויסגערעכענט. אָה, דער טייפלישער בחור ראָלאַנדסען האָט גאַנץ גוט געוואוסט, פאַרוואָס ער האָט טאָג פאַר טאָג געמאַכט אָט דעם גאַנג צו דער פאַבריק און אַרומגעשמעקט און די מיידלעך אויסגעפרעגט.

„הויב ניט אויף דעם דעקעל, פּערניללע," האָט ער פלוצלינג אַ געשריי געטהאָן. „ביזסט פערריקט, צי וואָס!"

פּערניללע ווערט רויט. „פרידריך האָט געזאָגט, איך זאָל מישען אין דער פאַן," ענטפערט זי.

„יעדעס מאָל וואָס דו הויבסט אויף דעם דעקעל, געהט אַוועק די וואַרעמקייט," זאָגט ראָלאַנדסען.

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, אַז פרידריך מאַק, דעם סוחר'ס זוהן, איז צוגעקומען, האָט ראָלאַנדסען ווידער אָנגענומען זיין געוועהנליכען וואַגאַבונדישען טאָן:

„ביזסט דו דאָס ניט געווען, פּערניללע, וואָס האָט געדיענט אַ יאָהר צייט ביים וואָיט? אַזוי בייסענדיג און בייז ביזסט דו דאָרט געווען, אַז די קאָלדרעס זיינען געווען דאָס איינציגע, וואָס דו האָסט ניט צופּליקט און צוריסען אויף שטיקלאַך."

אַלע אַרומשטעהענדע האָבען זיך צולאַכט. איז דאָך פּערניללע געווען די מילדסטע, די ווייכסטע נשמה אויף דער וועלט. און אַ קערפּערליכען פעהלער האָט זי אויך געהאַט און איז נאָך דערצו געווען די טאָכטער פון דעם

אָרגעל־טרעטער אין דער קירכע, אַזוי אַז עס איז אויף איהר געלעגען אַ קליין ביסעלע היילינקייט.

אַז ראָלאַנדסען איז צוריק אַרויס אויף'ן וועג, האָט ער ווידער אַמאָל דערזעהן דעם קירכען־דיענער'ס טאָכטער אָלגאַ. זי איז, ווייזט אויס, געווען אין קראַם. אצונד האָט זי געשטעלט טריט, אַזוי שנעל ווי זי האָט נור געקענט, כדי וואָס ווייטער צו קומען; ס'וואָלט דאָך געווען אַ שאַנדע, ווען ראָלאַנדסען זאָל גלויבען, אַז זי האָט אויף איהם געוואַרט.

אָבער ראָלאַנדסען האָט ניט אָנגעהויבען גלויבען אין אַזעלכע זאַכען, ער האָט געוואוסט: אַז זיי זיינען ניט גראָד נאַנץ נאָהענט פערבייגעגאַנגען איינער נעבען אַנדערן, פלעגט דאָס יונגע מיידעל אַנטלויפען פאַר איהם, פערשווינדען פון זיינע אויגען. און ראָלאַנדסען איז געווען גאַנץ איינפער־שטאַנען דערמיט, אַז ער האָט ביי איהר גאָרנישט דערגרייכט, אבסאָלוט איינפערשטאַנען. זי איז דאָס אויף קיין פאַל ניט געווען, וועלכע האָט פערנומען זיין מוח.

ער קומט אַהיים אויף דער סטאַציאָן. ער נעהמט בכיוון אָן אַ שטאַלצע מיענע, כדי אָבצוטרייבען פון זיך דעם צווייטען טעלעגראַפיסט, וועלכער וואָלט גערן וועלען פלוידערן מיט איהם; אין דער צייט איז ראָלאַנדסען ניט קיין אַנגענעהמער קאָלעגע. ער שליסט זיך איין ביי זיך אין זיין פערררוקטען צימער, וואו קיינער קומט ניט אריין אַחוץ אַן אַלטע פרוי און ער אַליין. דאָ וואוינט ער, און דאָ שלאָפט ער.

דאָס דאָזיגע צימער איז ראָלאַנדסען'ס וועלט. ראָ־לאַנדסען פערשטעהט זיך מעהר ווי אויף לייכטזיניגקייט און בראַנפען, ער איז אַ גרויסער גריבלער און ערפינדער. אין זיין צימער שמעקט עס נאָך זויערען, זאַפטען און אַלערליי רפואות. דער גערוך זעצט אַזש ביז אויף'ן הויף אַרויס, און יעדער פרעמדער מוז איהם דערשפירען. ראָלאַנדסען האָט

יעדען איינעם ערקלעהרט, אַז ער האַלט די אַלע מעדיקאַ־מענטען ביי זיך אין צימער, מיט דעם איינציגען צוועק צו פֿערטרייבען דעם ריח פֿון בראַנפֿען, מיט וועלכען ס'איז שטענדיג פֿול געווען. אָבער דאָס האָט אָווע ראָלאַנדסען אויסגעטראַכט, כדי מען זאָל ניט קענען דערגעהן וואָס ביי איהם קומט פֿאָר.

אין געגענטהייל, אָט די אַלע זאַפֿטען אין גלעזער און קריגלעך האָט ער גערדאַפֿט האָבען פֿאַר זיינע עקספּערי־מענטען. אויף'ן בעמישען וועג האָט ער אויסגעפֿונען אַ נייע מעטהאָדע, ווי אַזוי צו פֿאַבריצירען פֿיש־לִיים; זי איז געווען פּונקט צוגעפּאַסט, אַראָבצוטרייבען קויפֿמאַן מאַק'ס מע־טהאָדע פֿון פֿעלד. מיט גרויסע קאָסטען האָט מאַק אויפֿגע־בויט זיין פֿאַבריק, דער טראַנספּאָרט איז געווען צו אונבע־קוועם און דעם רויהען שטאָף האָט מען נור געקענט קריגען אין דער צייט, ווען מען האָט געכאַפּט די פֿיש; אויסערדעם האָט ער די גאַנצע פֿיהרונג פֿון דער פֿאַבריק איבערגעגעבען זיין זוהן פֿרידריך, און דער איז קיין פֿאַכמאַן ניט געווען. ראָלאַנדסען האָט געקענט מאַכען פֿיש־לִיים פֿון אַ מאַסע אַנדערע זאַכען, ניט נור פֿון פֿיש־קעפּ, און אַחוץ דעם האָט ער אויך געקענט אַרויסקריגען פֿיש־לִיים פֿון די מאַסע אָבפֿאַל, וואָס מאַק האָט אַוועקגעוואָרפֿען. און פֿון'ם לעצ־טען אָבפֿאַל האָט ער געקענט שאַפֿען אַ מערקווירדיגען פֿאַרב־שטאָף.

וואָלט טעלעגראַפֿיסט ראָלאַנדסען נור ניט געהאַט צו קעמפֿען מיט זיין גרויסער אָרעמקייט און הילפֿלאָזיגקייט, דאַן וואָלט די ערפֿינדונג שוין לאַנג געווען אַ פֿאַקט, אַ דורכגעפֿיהרטע זאַך. אָבער דאָ אין שטעדטעל האָט מען זיך דורך קיין שום אַנדערן ניט געקענט שאַפֿען קיין געלד, נור דורך דעם סוחר מאַק, און ראָלאַנדסען האָט געוואוסט

וואָס ער טהוט, ווען ער האָט צו איהם ניט געוואָלט געהן. איינמאָל האָט ער געהאַט די דרייסטקייט אָנצודייטען, אַז דער לייס אויבען פֿון דער פֿאַבריקביים וואַסערפֿאַל ווערט צו טייער; אָבער דאָ האָט מאַק נור אַ פֿאָך געטהאָן מיט דער האַנד, אַלס דער איינפֿלוסרייכער, גרויסער האר וואָס ער איז געווען, און האָט געזאָגט, אַז די פֿאַבריק איז אַ געָלד־גרוב. ראָלאַנדסען האָט געברענט פֿאַר לוסט, אַרויס־צוטרעטען ענדליך מיט דעם רעזולטאַט פֿון זיינע גריבלע־רייען. צו בעמיקער פֿון אינלאַנד און אויסלאַנד האָט ער פֿונאַנדערגעשיקט פּראָבען פֿון זיין סחורה און האָט געקריי־גען די פֿערזיכערונג, אַז דער אָנפֿאַנג איז גוט. אָבער ווייי־טער איז ער ניט געגאַנגען. נאָך האָט ער געדאַרפֿט פֿאָר־לעגען דער וועלט די ריינע, קלאָהרע פֿליסיגקייט און אַרויסנעהמען פּאַטענטען פֿאַר אַלע לענדער.

צי האָט זיך דען ראָלאַנדסען פֿאַר גאָרנישט, סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין בעוויזען אונטען ביי די האָלץ-שטאַלען, כדי אָבצוגעבען דעם פּאַסטאָר זיין „ברוך הבא״? דער חברה־מאַן ראָלאַנדסען האָט זיך געהאַט זיין מיין דערביי. אויב דער פּאַסטאָר איז ווירקליך רייך, קען ער לייכט געבען אַביסעל געלד פֿאַר אַ בעדייטענדער און אויסזיכטספֿולער ערפֿינדונג. „טהוט עס קיין אַנדערער ניט, וועל איך עס טהאָן!״ וועט דער פּאַסטאָר אָהן אַ שום ספק זאָגען. ראָלאַנדסען האָט געהאָפֿט.

אַך, ראָלאַנדסען האָט אַזוי לייכט געהאָפֿט, די קלענ־סטע אורזאַך האָט אין איהם געקענט אָנצינדען אַ פֿייער. נאָר אויך ענטטוישונגען פֿלעגט ער מיט מוטה אַריבערטראָ-גען, שטאַנדהאַפֿטיג און שטאָלץ איז ער געווען און ער איז ניט געבראָכען געוואָרען. אָט איז געווען מאַק׳ס טאָכטער עליזע, צום ביישפּיעל, אויך זי האָט איהם ניט געבראָכען.

זי איז געווען הויך און שעהן, האָט געהאַט אַ ברוינע הויט און רויטע ליפּען און האָט געצעהלט דריי און צוואַנציג יאָהר. ס'איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז קאַפּיטאַן הענריקסען פון'ם שיפעל, וואָס פאָהרט אַרום ביי די ברעגען פון ים, איז איהר שטילער, בעהאַלטענער פערעהרער; נאָר די יאָהרען זיינען געקומען, און די יאָהרען זיינען אַוועק, און ס'איז גאָרנישט געוואָרען דערפון. וואָס איז געווען דער גרונד? שוין פאַר דריי יאָהרען, בעת עליזע מאַק איז ערשט אַלט געווען צוואַנציג יאָהר, האָט איהר ראָלאַנדסען ווי אַ נאַרישער בחור געוואָרפען זיין האַרץ צו די פיס. זי איז געווען אַזוי ליעבענסווירדיג, איהם ניט צו פערשטעהן. דאָ וואָלט ראָלאַנדסען געדאַרפט מאַכען אַ סוף און זיך צוריקציהען, נאָר ער איז געגאַנגען ווייטער, און פאָריגען יאָהר האָט ער אָנגעהויבען איהר אַלצדינג אַרויסצוזאָגען. זי האָט אַנדערש ניט געקענט, זי האָט אָט דעם איינגעבילדעטען טעלעגראַפיסט אַריינגעלאַכט גלייך אין פנים אַריין, איידער זי האָט איהם קלאָהר געמאַכט איבער דעם אָבשטאַנד, איבער דער וואַנד, וואָס געפינט זיך צווישען זיי. צווישען איהם און איהר, וואָס האָט זאָגאַר אַ קאַפּיטאַן הענריקסען געלאָזט וואַרטען אויף איהר „יאָ". דעמאָלט איז דאָס געוועזען, ווען ראָלאַנדסען איז שנעל, אין איין אָטהעם אַוועקגעגאַנגען און אַ חתן געוואָרען פאַר יונגפרוי וואַן לאָאָז. ניש'קשה, ער וועט בעווייזען, אַז אַן ענטזאַגענדער ענטפער פון די הויכע פענסטער איז ניט זיין טויט.

אָבער איצט איז דער פריהלינג ווידער געקומען. און דער פריהלינג איז כמעט ניט געווען צום אויסהאַלטען, אַזוי גרויס איז דאָס האַרץ געווען. ער האָט די גאַנצע שעפּפונג פונאַנדערגעפּאָבעט; יאָ, מיט בשמים-פולע ווינדען האָט ער אין די סאַמע צניעות'דיגע נאָז-לעכער אַריינגעבלאָזען.

III.

פֿון ים שווימט דער פֿריהלינגס־הערינג לאַנגזאַם אריין׳ די פֿישער ליגען מיט די גרויסע נעץ-קערב אין זייערע שיפֿלעך און פֿאָרשען מיט׳ן שפּאַקטיף דעם גאַנצען טאָג דאָרט אין ים. וואו די פֿייגעל קרייזען אַרום גאַנצע מחנות־ווייז און לאָזען זיך ווען ניט ווען אַרונטער אין די וואַסערן, דאָרט האַלט זיך דער הערינג אויף; אין טיעפֿען וואַסער קען מען איהם כאַפּען מיט נעצען, אָבער די גרויסע פֿראַגע איצט איז, צי וועט דער הערינג קומען אין די ניט טיעפֿע פּלעצער און אין די פֿיאָרדען, וואו מען קען איהם אָבשפּאַרען גאַנצע מאַסען־ווייז מיט נעץ-קערב. וואָרים דאַן ערשט קלייבען זיך צונויף די פֿישער, דאַן ערשט ענטוויקעלט זיך לעבען, און עס הערען זיך הויכע קולות, און אַ סך עולם און האַנדעלס־שיפֿען בעווייזען זיך אויף דער אויבערפֿלעך. און דער פֿערדיענסט וועט זיין כחול אשר על שפת הים, ווי זאַמד אויף׳ן ברעג פֿון ים.

פֿיש־כאַפּען איז אַ מזל־זאַך. דער פֿישער שטעלט אָן זיין נעץ און וואַרט אויף׳ן ערפֿאָלג, ער וואַרפֿט אוים זיין נעץ־קאָרב און לאָזט איבער דעם רעזולטאַט פֿאַר׳ן שיקזאַל. אָפֿט קומט איין פֿערלוסט נאָך׳ן צווייטען, זיין אָנהאַנג רייסט

זיך אָב אָדער זינקט און פֿערגעהט אין שטורם; ער אָבער גורטעלט זיך אַלץ אָן פֿון דאָס ניי און פֿאָהרט ווידער ארויס. ציימענווייז פֿאָהרט ער אַ לאַנגען וועג ביז צו ערטער, וואו אַנדערע האָבען זייער גליק געמאַכט, און ער ווערט אויס־געמוטשעט און רודערט וואָכען־לאַנג איבער שווערע ים־שטרעקען און קומט ענדליך אָן צו שפּעט אויף'ן פּלאַץ: דאָס שפּיעל איז אויס. אָבער ווען ניט ווען קען אויך דאָס גרויסע געווינס ליגען אין מיטען אויף זיין וועג און איהם אָבוואַרטען און איהם אָבשטעלען און זיין שיפֿעל מיט טהאַלערס אָנפּילען. קיינער ווייסט ניט, ווען דאָס גליק וועט צושמייכלען, און אַלע האָפֿען מיט דעם זעלבען רעכט.

קויפֿמאַן מאַק איז געווען אויף'ן פּלאַץ. שוין האָט ער געהאַט זיינע נעץ־קערב און אַלע אַנדערע נייטיגע זאַכע אָנגעגרייט אין שיפֿעל, און דעם שפּאַקטיף האָט ער פֿון די אויגען ניט אַראָבגענומען. מאַק האָט געהאַט אַ זעגעל־שיף און צוויי יאַכטען, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג; נור וואָס האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק פֿון אַ פֿיש־פֿאַנג, און די וואַארע איז אויסגעלאָדען געוואָרען; אַצונד האָט ער געוואָלט אָנלאָדען הערינג, ווען דער הערינג וועט אַריינ־קומען, זיין שפּייכלער איז געשטאַנען פֿול מיט ליידיגע טונען. ער האָט אויך געוואָלט אויפֿקויפֿען הערינג, אַזוי פֿיעל וויפֿיעל ער וועט נור קענען קריגען; צו דעם צוועק האָט ער זיך גלייך פֿערזאָרגט מיט מזומנים, כדי צו קענען קויפֿען, איידער די פּרייזען שטייגען.

אין מיטען מאַי האָט זיך דעם סוחר איינגעגעבען די ערשטע אָבשפּאַרונג מיט'ן נעץ־קאָרב. ס'איז ניט געווען קיין גרויסע מאַסע, בלויז אַ האַלבער הונדערט טונען, נאָר דאָס געשעהעניש האָט זיך פֿונאַנדערגעטראָגען, און אַ פּאָר טעג שפּעטער איז שוין דאָרט אויף'ן פּלאַץ אויך געווען אַ פֿרעמדע

פּישער־קאָמפּאַניע מיט זייערע נעץ־קע״ב. דאָ זיינען געווען גרויסע אויסזיכטען.

דאָ האָט זיך איין נאַכט געמאַכט אַ גנבה אין דער פֿאַבריק ביי מאַק'ן אין קאָנטאָר. ס'איז געווען אַ פֿעררייקט־דרייסטעס פּערברעכען, וואָרים די נעכט זיינען איצט געווען שטראַהלענדיג ליכטיג פֿון אָבענד ביז'ן פֿריה־מאָרגען, און אַלעס, וואָס איז פּאַרגעקומען, האָט מען פֿון גאַנץ וויט געקענט זעהן. דער גנב האָט אויפֿגעבראָכען צוויי טהירען און אַרויסגע'גנב'עט צוויי הונדערט טהאַלער.

פֿאַר דעם קירך־בעצירק איז דאָס געווען אַ גאַנץ אונ־ערהערטע פּאַסירונג, וואָס קיינער האָט ניט געקענט פֿער־שטעהן. פֿון אַזאַ געוואַגטער גנבה ביי מאַק'ן בכבודו ובעצמו האָבען זאָגאַר עלטערע לייט צום ערשטען מאָל אין לעבען געהערט. אויף אַ קליינעם אופן האָבען די איינוואוי־נער פֿון'ם קירך־בעצירק נאָך ווי עס איז געקענט אַמאָל זינדיגען, אָבער אַ גנבה מיט אַלע איהרע מורא'דיגע שווע־ריגקייטען, דאָס וואָלטען זיי קיינמאָל ניט געקענט דורכ־פֿיהרען. אַזוי איז טאַקע גלייך געפֿאַלען דער חשד אויף דער פֿרעמדער פּישער־קאָמפּאַניע, וועלכע איז געגומען געוואָרען אויף'ן פֿערהער.

נאָר די פֿרעמדע פּישער־קאָמפּאַניע האָט געהאַט בעוויזע, אַז אין דער נאַכט פֿון דער גנבה איז זי מיט אַלע איהרע לייט געווען אויף'ן שיף אַ מייל די וויט פֿון דער פֿאַבריק, גרייט צו כאַפּען הערינג.

פֿאַר מאַק'ן איז דאָס געווען אַ טיעפֿער וויטאָג אין האַרצען. האָט, הייסט עס, איינער פֿון'ם קירך־בעצירק בעגאַנגען די טהאַט.

ניט אין'ם געלד איז דאָ דעם סוחר פֿריהער פֿון אַלצ־דינג געגאַנגען, ניין, ער האָט עס גאַנץ אָפֿען ערקלעהרט,

אז עס איז געווען א נאַרישער גנב, ווייל ער האָט ניט מעהר גענומען. אָבער אַז איינער פֿון'ם קירך־בעצירק האָט איהם געקענט בע'גנב'ענען, דאָס האָט זעהר שטאַרק געקרענקט דעם מעכטיגען האַר און דעם בעשיצער פֿון אַלעמען. ציא איז דאָס ניט געווען ער, וואָס האָט מיט די שטייערן פֿאַר זיינע פֿערשיעדענע געשעפֿטען געדעקט דעם האַלבען ביוּדזשעט פֿון דער געמיינדע? און צי האָט ווען אַ נויט־ליידענדער, וועלכער האָט נור פֿערדיענט געהאָלפֿען צו ווערן, פֿערלאָזען זיין קאָנטאָר אָהן הילף?

מאַך האָט בעשטימט אַ בעלוינונג, כדי אויסצוגעפֿינען דעם גנב. כמעט יעדען טאָג פֿלעגען דאָך קומען נייע פֿישער אויף דעם פּלאַץ, און אויף אָט די אַלע מענשען האָט עס דאָך געמוזט מאַכען אַ מאָדנעם איינדרוק, ווען דער סוחר מאַך שטעהט אין אַזעלכע בעציהונגען מיט זיינע לייט, אַז מען בע'גנב'עט איהם. אַלס גרויסאַרטיגער האַנדעלס־קעניג האָט ער נאָך געטהאָן מעהר וויפֿיעל מען טהוט געוועהנליך און האָט די בעלוינונג בעשטימט אויף פֿיער הונדערט טהאַ-לער. די גאַנצע וועלט זאָל זעהן, אַז געלד שפּיעלט ביי איהם קיין ראָלע ניט.

דער נייער פּאַסטאָר האָט זיך געלאָזט דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע פֿון דער גנבה, און אין דעם „דריי־איינינ-קייטס־זונטאָג", דעם זונטאָג נאָך שבועות, ווען ער האָט געזאָלט פּרעדיגען וועגען ניקאָדעמוס, וועלכער קומט ביינאַכט צו יעזוס'ן, האָט דער פּאַסטאָר זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט אָנצופֿאַלען אויף'ן גנב. „אָט קומען זיי צו אונז ביינאַכט," האָט ער געזאָגט, „און ברעכען איין אין אונזער הויז און רויבען אונזער האָב און גוטס. ניקאָ-דעמוס האָט קיין שום בייזעס ניט געטהאָן, ער איז געווען אַ שרעקעדיגער און האָט אויסגעקליבען די נאַכט פֿאַר זיין

גאַנג; נאָר געגאַנגנגען איז ער פֿאַר זיין זעעלע וועגען. און וואָס טהוען זיי היינט? אַך, פֿרעך איז די וועלט איצט גע־וואָרען, מען בענוצט די נאַכט צו פלינדערן און זינדיגען. מעג די שטראָף טרעפֿען דעם שולדיגען, און דער עפֿענט־ליכקייט מיט איהם!"

דער נייער פּאַסטאָר האָט זיך גלייך פֿון אָנהויב אַרויסגעוויזען אַלס קאַמפּף־האָהן. ס'איז ערשט געווען דאָס דריטע מאָל, וואָס ער האָט געפּרעדיגט, און שוין האָט ער אַסך מענשען פֿון'ם קירך־בעצירק געצוואונגען תשובה צו טהאָן. אַז ער איז געשטאַנען אויף דער בימה און גערעדט, איז ער געווען אַזוי בלייך און מאָדנע אָנצוקוקען, אַז ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ פֿערריקטער. עס זיינען געווען אַזעלכע, פֿאַר וועמען דער ערשטער זונטאָג איז געווען גע־נוג, און וועלכע האָבען ניט געוואַגט ווידער אַמאָל צו קומען. יאָ, זאָגאַר די יונגפֿרוי וואָן לאָאָז האָט אויך אָנגעהויבען אויספֿאָרשען איהר געוויסען, אָט די געפּאַנצערטע יונגפֿרוי מיט איהר גאַנצער שאַרפֿקייט און שטומפּיגקייט. די צוויי מיידלעך, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער איהר אויפֿזיכט, האָבען מיט גרויס פֿרייד בעמערקט די ענדערונג, וואָס איז אין איהר פֿאָרגעקומען.

אַ גרויסער עולם האָט זיך איצט געפֿונען אויף די שיפֿלעך אַרום די ברעגען פֿון ים. די פֿערהעלטניסען האָ־בען געבראַכט דערצו, אַז עטליכע פֿון די דאָזיגע לייט האָבען דעם סוחר מאַק פֿערגונען די עולה, וואָס מען האָט איהם אָנגעטהאָן. מאַק איז פֿאַר זיי געוואָרען צו מעכטיג מיט זיין אויסגעשפרייטען האנדעל אויף צוויי פלעצער, מיט זיין פֿיש־פֿאַנג, זיין פֿאַבריק און זיינע שיפֿען; די פֿרעמדע פֿישער האָבען זיך געהאַלטען ביי זייערע אייגענע הענדלער, מיט וועמען מען האָט געקענט לייכט דורכקומען און וועלכע

זיינען געווען לייטזעליג און האָבען ניט געטראָגען ניט קיין
ווייסע קראַגענס און ניט קיין האַנדשוה פון הירשען-לעדער,
ווי מאַק. ניש'קשה, די גנבה פּאַסט זיך גראָד גוט צו צו
איהם, זאָל ער ניט אַזוי בלאָזען פון זיך און איינרייסען די
וועלט מיט זיין גרויסקייט. דער גוטער מאַק דאַרף אויך
כ'לעבען ניט וואַרפען מיט צופיעל הונדערט טהאַלער פאַר
אַזעלכע זאַכען, ער וועט זיין געלד דאַרפען אויפצוקויפען
הערינג, ווען דער הערינג-פאַנג וועט געראָטען. אַזוי רייך
איז דאָך מאַק, פערשטעהט זיך, ניט, אַז ער האָט אַזוי פיעל
געלד ווי דער הימעל שטערען. וויים גאָט פון וועמען די
גנבה האָט געקענט בעגאַנגען ווערן, פיליכט פון איהם
אַליין אָדער פון זיין זוהן פרידריך, כדי עס זאָל אויסזעהן,
אַז ער האָט געלד ווי היי, הגם באמת געפינט ער זיך אין
אַ געלד-פערלעגענהייט. הקיצור, ס'האָט קיין סוף ניט
גענומען צו דער גערײדערייאויף'ן וואַסער און אויף דער יבשה.

מאַק האָט בעגריפען, אַז ער מוז איינמאָל פאַר אַלע
מאָל ווייזען, ווי עס האַלט ווירקליך מיט איהם. דאָ איז
איצט פערזאַמעלט געווען אַ פישער-עולם פון פינף קירך-
בעצירקען; זיי וועלען אַהיים פאָהרען און מיטברייננגען
זייערע איינדריקע צו דער פאַמיליע און צו די הענדלער.
וויים און ברייט וועט עס בעקאַנט ווערן, וואָס פאַר אַ מאַן
אָט דער מאַק פון ראָזענגאַארד איז.

אַז מאַק האָט דאָס נעכסטע מאָל געדאַרפט פאָהרען
צו דער פאַבריק, האָט ער צו דעם צוועק געדונגען אַ
דאַמפּף-שיף. ס'איז אין גאַנצען געווען אַ מייל די וויים,
און ס'האָט איהם געקאָסט אַ סך געלד, אָבער ביי מאַק'ן
האָט דאָס געלד איצט קיין ראָלע ניט געשפּיעלט. ס'האָט
אַרויסגערופען אַ גרויס גערודער, ווען דאָס שיף האָט אַריינ-
געברויזט מיט מאַק'ן און זיין טאָכטער עליזע. ער איז אַזוי

צו זאָגען געווען דער בעל הבית פון'ם שיף, ווי ער איז געשטאַנען אויף'ן פערדעק אין זיין פעלץ און זיין מעכטיגען רויטען גאַרטעל אַרום בויך, ניט קוקענדיג דערויף וואָס עס איז זומער געווען. אַז דער פּאַטער און די טאָכטער זיינען אַראָבגעלאָזט געוואָרען אויף'ם לאַנד, האָט זיך דאָס שיף תיכף אויסגעדרעהט און איז צוריקגעפאָהרען: יעדער איינער האָט געקענט זעהן, פאַר וואָס פאַר אַ צוועק עס האָט אויסשליסליך געדיענט. און דאָ האָבען זיך אויך אַ סך פון'ם פרעמדען פישער־עולם געבויגען פאַר מאַק'ם גרויסקייט, פאַר זיין מאַכט.

אָבער מאַק איז נאָך געגאַנגען ווייטער. ער האָט ניט געקענט פערגעסען די חרפה, די שמאַך און שאַנד וואָס מען האָט איהם אָנגעטהאָן. און ער האָט אָנגעשלאָגען אַ נייעם פלאַקאַרד און האָט צוגעזאָגט זאָגאַר דעם גנב אַליין די פיער הונדערט טהאַלער אַלס לוין, ווען ער וועט זיך אויסגעבען. קיינמאָל האָט מען נאָך אַזאַ מין גרויסאַרטיגע ריטערליכקייט ניט געזעהן. האָט דען איצט יעדער איינער ניט געמוזט צוגעבען, אַז דאָס זיינען ניט געווען די קלעגליכע גע'גנב'עטע גראָשענס, וואָס מאַק האָט געוואָלט ראַטעווען? דאָך איז ניט אויף אַלעמענס ליפען אָבגעשטאָרבען די פלווידעריי: איז דער גנב דער, וועמען איך האַלט דערפאַר, מאָ וועט ער זיך שוין ניט אויסגעבען, אויך איצט ניט!

דער גרויסער מאַק איז געזעסען אין אַ גאַנץ מיאוס'ער, אונערטרעגליכער קלעם. מען האָט זיך אָבגעלעגט דערויף אונטערצוגראָבען זיין גרויסקייט, זיין אָנזעהן. צוואַנציג יאָהר צייט איז ער געווען דער גרויסער מאַק, און אַלע האָבען מיט עהרפורכט איהם אָבגעטראָטען דעם וועג; איצט האָט עס אויסגעקוקט, אַזוי ווי די מענשען וואָלטען איהם שוין ניט בעגריסט מיט אַזאַ רעספעקט ווי פריהער. און ער איז דאָך

נאָך דערצו געווען אַ ריטער פֿון אַ קעניגליכען אָרדען! וואָס פֿאַר אַ האַר ער איז דאָס אַביסעל געווען! דער וואָרט־פֿיהרער פֿון׳ם קירך־בעצירק איז ער געווען, די פֿישער האָבען איהם פֿערגעטערט, די קליינע הענדלער פֿון די נאָהענטע פלעצער האָבען איהם ווי מאַלפּעס נאָכגעקרימט, נאָכגעמאַכט אַלעס וואָס ער פֿלעגט טהאָן. מאַק האָט גע־ליטען אויף׳ן מאָגען, וואַהרשיינליך איז דאָס געיוען אַ רע־זולטאַט פֿון זיין גרויסאַרטיגען, פּירסטליכען לעבען, און אַזוי גיך ווי ס׳פֿלעגט נור ווערן אַביסעל קיהל, פֿלעגט ער טראָ־גען זיין ברייטען רויטען גאַרטעל אַרום בויך. נו, האָבען אויך די הענדלער פֿון די נאָהענטע אַרומיגע פלעצער גענו־מען טראָגען אַ רויטען מאָגען־גאַרטעל, אָט די קליינינקע אויפֿגעקומענע סוחרים׳לעך, וועלכע מאַק האָט אוים גנאָד און באַרמהאַרציגקייט געלאָזט לעבען. אויך זיי האָבען געוואָלט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זיי זיינען גרויסע לייט, עסען אַזעלכע גוטע און רייכע מאכלים, אַז זיי מוזען ליידען אויף׳ן מאָגען. מאַק פֿלעגט קומען אין קירכע אין סקריי־פענדע שטיוועל און פֿלעגט דורכגעהן דעם קאָרידאָר מיט אַ שטאָלצען ליאַרם; נאָר אויך דעם געברויך פֿון סקריפּענדע שיך האָט ער אויסגעלערענט דעם עולם. מעהר ווי איינער פֿלעגט אַריינשטעלען זיינע שיך אין וואַסער און זיי לאָזען אויסטריקענען ביז זונטאָג, אַזוי אַז זיי האָבען שטאַרק גע־סקריפּעט אויף די דיעלען פֿון דער קירכע. אין אַלצדינג איז מאַק געווען אַ גרויסער ביישפּיעל פֿאַר יעדען איינעם.

IV.

ראָלאַנדסען זיצט ביי זיך אין צימער און מאַכט זיינע עקספּערימענטען. פֿון זיין פֿענסטער זעהט ער, אז אַ בע־שטימטער צווייג אויף אַ בעשטימטען בוים אין וואלד בעווענט זיך אַרויף און אַראָב. אימיצער מוז שאָקלען דעם בוים, נאָר די בלעטער זיינען שוין צו געדיכט, אַזוי אַז מען קען מעהר ניט זעהן. און ראָלאַנדסען עקספּערימענטירט ווייטער.

אָבער עס געהט היינט ניט מיט דער אַרבייט. ער פּרוּאווט נעהמען די גיטאַרע און שפּיעלען זיינע קאָמישע קלאָג־ליעדער, אָבער אויך דאָס איז איהם ניט צום האַרצען. דער פֿריהלינג איז געקומען, ראָלאַנדסען'ס בלוט איז אין בעוועגונג.

עליזע מאַק איז אָנגעקומען, ער האָט זי נעכטען אָבענד בעגעגענט. ער איז געווען שטאָלץ, מיט אַ פֿעררישענער נאָז, און האָט געוואוסט ווי זיך צו בענעהמען; ס'האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען זיין פֿריינדליך צו איהם, כדי איהם דערמיט צו פֿערשאַפֿען אַביסעלע פֿרייד, אָבער ער האָט עס ניט אָנגענומען, ער האָט גאָרנישט אָנגענומען.

„איך ברייננ אייך גריסען פֿון די טעלעגראַפֿיסטען אין ראָזענגאַארד," האָט זי געזאָגט.

ראָלאַנדסען איז ניט געווען בעפריינדעט מיט די מע־לענגראַפיסטען, ער איז געווען אַ קנאַפּער חבר. זי האָט ווידער אַמאָל געוואָלט איהם אָנדייטען אויף דעם אָבשטאַנד, אויף דער וואַנד, וואָס איז צווישען איהר און איהם; אָהאָ, ער וועט עס איהר בעצאָהלען, ער וועט זיך מיט איהר אָברעכענען דערפאַר.

„איהר מוזט מיר אַמאָל אויסלערנען אַביסעל שפּיעלען אויף דער גיטאַרע," האָט זי ווייטער געזאָגט.

דאָס האָט איינעם אַלזאָ ווידער געקענט איבערראַשען און ס'איז ניט געווען מיט דער האַנד אַוועקצומאַכען; אָבער ראָלאַנדסען האָט עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד. אין גענענטהייל, איצט האָט ער זיך געוואָלט מיט איהר אָברע־כענען. ער האָט געזאָגט:

„מיט פערגניגען. צו יעדער צייט. איהר קענט קריגען מיין גיטאַרע."

דאָ האָט מען געקענט זעהן, ווי ער האָט זי בעהאַנדעלט. אַזוי ווי זי וואָלט גאָר ניט געווען עליזע מאַק, אַ דאַמע, וועלכע האָט זיך געקענט קויפען צעהן טויזענד גיטאַרען.

„ניין, אַ דאַנק," האָט זי געענטפערט. „אָבער איבען וואָלטען מיר פיליכט געקענט אַביסעל דערויף."

„איהר זאָלט זי בעקומען."

דאָ האָט זי אַ וואָרף געטהאָן דעם קאָפּ אַהינטער און געזאָגט:

„אָבער ערלויבט, איך וויל זי דאָך גאָר ניט."

זיין העזה האָט זי געטראָפען ביז'ן ביין. ער האָט אָבגעלאָזט די ראַכע און געמורמעלט:

„איך האָב אייך נור געוואָלט געבען דאָס איינציגע, וואָס איך האָב."

טיעף האָט ער אַרונטערגעלאָזט דעם הוט און איז אַוועק.

ער איז געגאַנגען צום קירכען־דיענער אין דער וואוי־נונג. די טאָכטער אָלגאַ האָט ער געוואָלט טרעפען. ס'איז געוואָרען פולער פריהלינג, און ראָלאַנדסען האָט געמוזט האָבען זיין האַרצענס־געליעבטע; ס'איז ניט אַזוי לייכט געווען צו רעגירען אַזאַ גרויס האַרץ ווי זיינס. אַחוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט א בעזונדער אַבזיכט דערביי, ווען ער האָט זיך ערקלעהרט אָלגאַ'ן אין ליעבע. ס'איז אַרומגעגאַנ־גען אַ קלאַנג, אַז פרידריך מאַק האָט געוואָרפען אַן אויג אויף דעם קירכען־דיענער'ס טאכטער, און ראָלאַנדסען האָט איהם געוואָלט אַרויסבייסען, יאָ, דאָס האָט ער געוואָלט. פרידריך איז עליזע'ס ברודער, אַזאַ „קאָרב", אַזאַ צוריקהיי־זונג וואָלט דער פאַמיליע גאָר ניט שלעכט געטהאָן. אי־בעריגענס איז אָלגאַ אויך אָן און פאַר זיך ווערטה געווען, מען זאָל איהר נאָכלויפען. ראָלאַנדסען האָט זי שוין אַלס גאַנץ יונג מיידעלע געקענט; ביי איהר אין דערהיים זיינען די איינקינפטע געווען קליין גענוג, אַזוי אַז זי האָט שטענדיג געמוזט אַכטונג געבען אויף איהרע קליידער, זיי זאָלען זיך ניט צופיעל אָבטראָגען, איידער זי האָט געקריגען נייע, אָבער פריש איז זי געווען און שעהן, און איהר שרעקעדיג־קייט האָט איהר זעהר גוט געפאַסט.

ראָלאַנדסען האָט זיך צוויי טעג נאָכאַנאַנד געטראָפען מיט איהר. דאָס איז נור מעגליך געווען דורכדעם וואָס ער איז געקומען דירעקט צו איהר אַהיים און האָט געליהען איהר פאָטער יעדען טאָג אַ בוך. ער האָט געמוזט דעם קירכען־דיענער מיט געוואַלד אָנוואַרפען די דאָזיגע ביכער, וואָס דער אַלטער מאַן האָט ניט בעגעהרט און ניט פער־שטאַנען. ראָלאַנדסען האָט געמוזט שטעהן דאָרט און ריידען וועגען די ביכער. „דאָס זיינען די ניצליכסטע ביכער אויף

דער וועלט," האָט ער געזאָגט, "און איך וויל זיי פֿערשפּריי-
טען, דערפֿאַר ברײנג איך זיי אייך."

ער האָט געפֿרעגט דעם קירכען-דיענער, צי פֿערשטעהט
ער זיך אויף האָר-שניידען. אָבער דער קירכען-דיענער האָט
זיך קיינמאָל אין זיין לעבען ניט אָבגעגעבען מיט האָר-
שניידען, ס'איז גיכער אָלגאַ, וועלכע שערט אַלעמען אָב די
האָר אין גאַנצען הויז. נו האָט זיך ראָלאַנדסען געווענדעט
מיט אַ פּאָר בעגייסטערטע ביטעס צו אָלגאַן'ן, אַז זי זאָל
איהם אָבשערען די האָר. זי איז רויט געוואָרען און האָט
זיך בעהאַלטען; "איך קען ניט," האָט זי געזאָגט. אָבער
ראָלאַנדסען האָט זי אויסגעפֿונען און האָט אַזוי פֿיעל גערעדט
איבער איהר, אַז זי האָט געמוזט נאָכגעבען.

"ווי אַזוי ווילט איהר עס האָבען?" האָט זי געפֿרעגט.

"ווי איהר ווילט," האָט ער געענטפֿערט. "ווי דען
זשע?"

ער האָט זיך געווענדעט צום קירכען-דיענער און האָט
איהם פֿערוואָרפֿען מיט אַלערליי שווערע פֿראַגען, אַזוי אַז
עס איז דעם אַלטען מאַן באַלד איבערדריסיג געוואָרען און
ער איז אַרוים אין קיך.

ראָלאַנדסען האָט זיך צושפּיעלט און אָנגעהויבען ריידען
הויך-קלינגענדע ווערטער. ער האָט געזאָגט:

"אַז איהר געפֿינט זיך אין אַ ווינטער-אָבענד אויף
דרויסען אין דער פֿינסטער, און איהר קומט אַריין אין אַ
ליכטיגער שטוב, דאַן שטראָמט דאָס גאַנצע ליכט פֿון אי-
בעראַל אין אייערע אויגען אריין."

אָלגאַ האָט ניט פֿערשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט,
אָבער זי האָט געזאָגט יאָ.

"יאָ," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט. "און אַזוי געהט עס
מיר, ווען איך קום צו אייך."

„אצונד זאָל איך דאָ פּיליכט מעהר גאָרנישט אװעקנעהמען ?" האָט אָלגאַ אַ פֿרעג געטהאָן.

„יאָ, יאָ, שערט אַקאָרשט װײטער. איהר אַליין דאַרפֿט בעשטימען. זעהט איהר, פֿריהער האָט איהר זיך געטראַכט בײ זיך, װען איהר װאָלט נור געקענט ערגעץ אװעקגעהן און זיך בעהאַלטען, אָבער װאָלט מיר דען בעסער געװאָרען דערפֿון ? קען דען דער בליץ אַ פֿונק פֿערלעשען ?"

ער איז זיכער פֿון זינען אַראָב.

„װען איהר װאָלט געהאַלטען דעם קאָפּ שטיל, װאָלט איך עס געקענט בעסער און שנעלער מאַכען," האָט זי געזאָגט.

„איך זאָל אײך אַלזאָ ניט קענען אָנקוקען. הערט אױס, אָלגאַ, זײט איהר פֿעראָבט ?"

נאָר אין דעם פּונקט איז אָלגאַ ניט געװעזען צוגעגרייט. אױך איז זי נאָך ניט געװעזען אַזױ בעזונדערס אַלט און ערפֿאַהרען, אַז די מינדעסטע קלײניגקײט זאָל איהר ניט קענען צוטומלען.

„איך ? נײן," איז געװעזען איהר גאַנצער ענטפֿער.

„אצונד, מײן איך, איז עס אונגעפֿעהר גוט אַזױ. נו, מוז איך עס נור נאָך אַביסעל גלײך אַרומשערען." זי האָט איהם געװאָלט אײננעהמען מיט גוטע װערטער, װאָרים זי האָט איהם חושד געװעזען, אַז ער איז שכור.

אָבער ראָלאַנדסען איז ניט געװעזען שכור, נאָר ניכטער; ער האָט שטאַרק געאַרבײט די לעצטע צײט, די אַלע פֿרעמדע פֿישער־קאָמפּאַניעס האָבען דעם טעלעגראַף געגעבען פֿיעל אַרבײט.

„נײן, נור ניט אױפֿהערען," האָט ער זיך געבעטען; „שערט מיך נאָך אַמאָל אַרום און אַרום אָדער נאָך צװײ מאָל, דאַן װעט איהר זײן אַ גוטע."

אַלגאַ האָט געלאַכט:

„ניין, דאָס האָט דאָך קיין זינן נים."

„אָך, אייערע אויגען זיינען ווי צווילינג־שטערען," האָט ער געזאָגט. „און אייער שמייכעל בעשטראַהלט מיך אַזוי הערליך."

זי האָט ארונטערגענומען דאָס טוך פֿון איהם, האָט איהם אַרומגעבאָרשטען און אויפֿגעקליבען די האָר פֿון דער ערד. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן און איהר געהאָלפֿען אויפֿקלייבען, וייערע הענד האָבען זיך דערביי צונויפֿגעטראָפֿען. זי איז געווען אַ יונג מיידעל, איהר אָטהעם האָט איהם צוגעשטראָמט, און ס'איז איהם דורך אַ הייסע כוואַליע איבער'ן גאַנצען לייב. ער האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנד. ער האָט בעמערקט, אַז איהר קליידעל אויבען ביים האַלז איז נור צוזאַמענגעשפּילעט מיט אַ געוועהנליכער שפּילקע. דאָס האָט אויסגעזעהן זעהר אָרים.

„ניין — פֿאַרוואָס טהוט איהר דאָס?" האָט זי געשטאַמעלט.

„איך ווייס אַליין נים פֿאַרוואָס. יאָ, דאָס הייסט, דאַנקען וויל איך אייך פֿאַר אייער אַרביים. ווען איך בין נים פֿעסט פֿערלאָבט, וואָלט איך זיך אין אייך פֿערליעבט."

זי האָט זיך אויפֿגעהויבען מיט די האָר אין די הענד, ער איז נאָך געלעגען אויף דער ערד.

„איהר פֿיהרט זיך איבער אי'ערע קליידער," האָט זי געזאָגט און איז אַרויס פֿון צימער.

אַז דער קירכען־דיענער איז אַריינגעקומען, האָט זיך ראַלאַנדסען ווידער געמוזט מאַכען פֿרעהליך און מונטער. ער האָט אויסגעשטעלט זיין הוילען, אָבגעשאָרענעם קאָפּ און אַריבערגעצויגען דעם הוט איבער די אויערן, כדי מען זאָל זעהן, אַז ער איז איצט געוואָרען צו גרויס אויף איהם.

פלוצלינג האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף'ן זייגער, האָט גע־זאָגט, ער מוז געהן אין ביורא, און איז אַוועק.

ראָלאַנדסען איז אַריין אין קראָם. ער האָט געבעטען, מען זאָל איהם ווייזען פערשיעדענע ערליי שפּילקעס און בראָשקעס, און טאַקע די טייערסטע וואָס זיי האָבען נור. ער האָט אויסגעקליבען אַ שפּילקע מיט אַן איטיטירטען פיינעם שטיין און געבעטען, מען זאָל איהם וואַרטען אַ קורצע צייט מיט דער צאָהלונג. דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, ער איז שוין אַזוי אויך גענוג שולדיג געווען. דאָ האָט ער גענומען אַן אַנאַט־עהנליכע גלעזערנע שפּילקע און בעצאָהלט דערפאַר מיט זיינע פאָר שילינג. און ראָ־לאַנדסען איז אַוועק מיט זיין אוצר.

דאָס איז געווען נעכטען אָבענד......

איצט זיצט ראָלאַנדסען ביי זיך אין צימער און קען ניט אַרבייטען. ער נעהמט זיין הוט און געהט אַרויס אויף דרויסען, כדי צו זעהן, ווער עס שאָקעלט עס די בוימער דאָרט אין וואַלד. ער לויפט גלייך צום לייב אין דעם אָפענעם פּיסק אַריין: ס'איז יונגפרוי וואַן לאָאָז, וועלכע האָט איהם געגעבען דעם דאָזיגען צייכען און איצט שטעהט זי דאָ און וואַרט אויף איהם. ווען ער וואָלט נור ניט געווען אַזוי נייגיעריג!

„גוטען טאָג!" רופט זי זיך אָב. „ווי דו האָסט זיך דאָס אַביסעל אויסגעפּוצט דעם קאָפּ!"

„אין פריהלינג לאָז איך זיך אימער אָבשערען די האָר," האָט ער געענטפערט.

„דאָס האָב איך פאַראַיאָהרען געטהאָן. היינטיגס מאָל בין איך ניט געווען גוט גענוג דערצו."

„איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגען," האָט ער געזאָגט.

„ניט?"

„ניין, און דו דאַרפֿסט ניט שטעהן דאָ און אַרומשאַקלען איבער'ן גאַנצען וואַלד, אַזוי אַז אַלע זאָלען דיך זעהן."

„און דו דאַרפֿסט איבערהויפּט היינט ניט שטעהן דאָ און שפּאַסען," האָט זי געזאָגט.

„אין געגענטהייל, דו וואָלסט געדאַרפֿט שטעהן אונטען ביים וועג און מיר צוזאווינקען מיט אַן עהל־צווייג פֿון פֿריעדען," האָט ראָלאַנדסען וויטער געזאָגט.

„האָסט דו זיך אַליין אָבגעשאָרען די האָר?"

„אָלגאַ האָט עס געטהאָן."

יאָ, זי, וועלכע וועט אפשר אַמאָל ווערן פֿרידריך מאַק'ס ווייב, האָט איהם די האָר אָבגעשאָרען. ער האָט עס ניט געוואָלט האַלטען בסוד, אדרבה, אויספּויקען האָט ער עס געוואָלט.

„אָלגאַ, זאָגסט דו?"

„וואָס זשע דען? איהר פֿאָטער האָט דאָך ניט געקענט."

„דו וועסט עס נאָך טרייבען אַזוי וויט, אַז אין אַ שעהנעם טאָג וועט אַלעס ווערן אויס צווישען אונז," זאָגט יונגפֿרוי וואַן לאָאָז.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און האָט זיך בעדיינקט.

„דאָס וועט פֿילייכט זיין די בעסטע זאַך," האָט ער ענדליך געענטפֿערט.

דאָ האָט זי אויסגעשריען: „וואָס זאָגסט דו?"

„וואָס איך זאָג? דו פֿערלירסט אין פֿריהלינג פֿאָלשטענדיג דעם קאָפּ, זאָג איך. קוק מיך אָן, מערקט מען אויף מיר אין פֿריהלינג די מינדעסטע אונרוהיגקייט?"

„דערפֿאַר ביזסט דו דאָך אַ מאַן," האָט זי געענטפֿערט קורץ און שאַרף. „אָבער איך וויל ניט האָבען קיינע געשיכטען מיט אָלגאַ'ן."

„ווי איז דאָס, ס'איז וואָהר, אַז דער פּאַסטאָר איז רייך?" האָט ער געפרעגט.

יונגפרוי וואַן לאָאָז האָט זיך אויסגעווישט די אויגען און איז צוריק געווען פּראַקטיש און דרייסט ווי אימער.

„רייך? איך מיין, ער איז אָרים ווי אַ קירכען-מויז."

אַ האָפנונג איז פערזונקען פאַר ראָלאַנדסען.

„דו האָסט בעדאַרפט זעהן זיין גאַרדעראָבע," האָט זי ווייטער געזאָגט. „און דאַן האָסט דו בעדאַרפט זעהן די גאַרדעראָבע פון דער פרוי. זי האָט אַ פּאָר אונטער-קלייד-לעך, וועלכע... אָבער אַ פּאַסטאָר איז ער, ניטאָ זיין גלייכען. האָסט איהם געהערט פּריידיגען?"

„ניין."

„ער איז ניט ערגער פון די בעסטע פּריידיגער, וואָס איך האָב געהערט," זאָגט יונגפרוי וואַן לאָאָז אויף בערגענזיש.

„ביזסט דו זיכער, אַז ער איז ניט רייך?"

„יעדענפאַלס איז ער געווען אויבען אין קראָם און האָט געבעטען, מען זאָל איהם געבען וואַארע אויף באָרג."

דאָ האָט זיך אויף אַ מאָמענט די גאַנצע וועלט פער-דונקעלט פאַר ראָלאַנדסען'ס בליק, און ער האָט געוואָלט אַוועקגעהן.

„וואָס זשע, דו געהסט שוין?" האָט זי געפרעגט.

„יאָ, וואָס ווילסט דו אייגענטליך פון מיר?"

אַלזאָ, אַזוי איז עס געשטאַנען! דער נייער פּאַסטאָר האָט זי אַבּיסעל אויפגעוועקט, און זי האָט זיך בעוואָפענט מיט פיעל מילדקייט, נאָר איהר אַלטע נאַטור האָט זיך אַלץ פון דאָס ניי דורכגעבראָכען.

„איין זאַך וויל איך דיר זאָגען," האָט זי זיך געקאָכט, „דו טרייבסט עס צו ווייט."

„גוט," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט.

„דו בעגעהסט אַ שרעקליכען אונרעכט געגען מיר.“

„איך גוט,“ האָט ראָלאַנדסען וויטער געזאָגט.

„איך וועל עס ניט אויסהאַלטען, כ'וועל מאַכען אַ סוף מיט דיר.“

ווידער אַמאָל האָט זיך ראָלאַנדסען פערטראַכט. דאַן האָט ער געזאָגט:

„כ'האָב אַמאָל געמיינט, אַז דאָס וועט זיין אויף אימער. פון דער אַנדער זייט בין איך ניט קיין גאָט, כ'קען גאָר ניט העלפען. מהו וואָס דו ווילסט.“

„דאָס איז אַ וואָרט פון דיר,“ האָט זי היציג געזאָגט.

„דעם ע'רשטען אָבענד דאָ אין וואַלד ביזסט דו ניט געוועזען אַזוי גלייכגילטיג. איך האָב דיך געקושט און האָב ניט געהערט קיין שום זאַך פון דיר, נור אַ קליינעם ליעב־ליכען געשריי.“

„איך האָב גאָר ניט געשריען,“ האָט זי פראָטעסטירט.

„און איך האָב דיך ליעב געהאַט מעהר ווי דאָס גאַנצע לעבען און געדיינקט, אַז דו וועסט זיין אַ פאַסענדע, אויס־געצייכענטע פאַרטיע פאַר מיר. הם — הם לאַ — לאַ!“

„קימער זיך ניט פאַר מיר,“ האָט זי מיט אַ ביטערן טאָן געזאָגט; „אָבער וואָס וועט איצט זיין מיט דיר?“

„מיט מיר? ווייס איך? וואָס געהט דאָס מיך אָן?“

„וואָרים דאָס דאַרפסט ז'ו זיך אַקאָרשט ניט איינבילדען, אַז פון דער זאַך מיט אָלגאַ'ן וועט עפּעס ווערן. זי וועט זיין פרידריך מאַק'ס פרוי.“

אָך ווירקליך, האָט זיך ראָלאַנדסען געטראַכט, די גאַנצע וועלט ווייסט עס דאָך. אַ פערטיעפטער אין זיינע געדאַנקען האָט ער אָנגעהויבען געהן, און יונגפרוי וואַן לאָאָז איז איהם נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען אַזוי צוגעקומען ביז'ן וועג אונטען און געגאַנגען וויטער.

„די קורצע האר פאסען דיר גאַנץ גוט," האָט זי זיך אָבגערופען. „אָבער ווי שלעכט זיי זיינען אָבגעשאָרען, גאָר ניט גלאט געשאָרען."

„קענסט דו מיר אַנטלייהען דריי הונדערט טהאַלער?" האָט ער אַ פרעג געטהאָן.

„דריי הונדערט טהאַלער?"

„אויף זעקס מאָנאַט."

„איך וואָלט זיי דיר סיי ווי סיי ניט געליהען. צווישען אונז איז אַלעס אויס."

ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט: „דאָס איז אַ וואָרט פון דיר."

נאָר אַז זיי זיינען צוגעקומען צו דעם פּאַרקען פון'ם פּאַסטאָר-הויף, וואו ראָלאַנדסען האָט זיך געמוזט אומקערען, האָט זי געזאָגט: „ליידער האָב איך ניט קיין דריי הונדערט טהאַלער פאַר דיר; אַדיע, צום באַלדיגען ווידערזעהן!" אַז זי איז אָבגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, האָט זי זיך נאָך אַמאָל אומגעדרעהט און געפרעגט: „האָסט פיליכט נאָך נייע וועש? וועל איך עס דיר צייכענען."

„ווי אַזוי?" האָט ער געענטפערט. „פון דעמאָלט אָן האָב איך נאָך קיין נייעס ניט געקריגען."

זי איז אַוועק איהר וועג. ראָלאַנדסען האָט געפיהלט, אַז עס איז איהם לייכטער געוואָרען אויף'ן האַרצען, און ער האָט זיך געטראַכט: „ווען דאָס וואָלט געווען דאָס לעצטע מאָל!"

אויף'ן פּאַרקען-סלופּ איז געווען אָנגעשלאָגען אַ פּלאַקאַרד, און ראָלאַנדסען האָט איבערגעלייענט, ס'איז געווען דעם האַנדעלסמאַן מאַק'ס פּלאַקאַרד: פיער הונדערט מזומ'נע טהאַלער פאַר דער אויפקלעהרונג פון דער גנבה.

וואַר דער גנב גופא וועט קריגען די בעלוינונג, אויב ער וועט זיך אליין אויסגעבען.

„פיער הונדערט טויזענד טהאלער!" האט ראלאנדסען געטראכט.

V.

ניין, דער נייער פּאַסטאָר און זיין ווייב זיינען ניט געווען רייך, זיי זיינען גיכער געווען אַלעם אַנדערע איידער רייך. ס'איז נור געווען די אָרעמע יונגע פרוי, וועלכע האָט מיטגעבראַכט פון דערהיים אַזעלכע אונזיניגע אַריסטאָקראַטישע געוואוינהייטען און געוואָלט אַזוי פיעל משרתים און דיענסטען האָבען. זי האָט אויך אַליין גאָרנישט געהאַט וואָס צו טהאָן, עס זיינען ניט געווען קיין קינדער אין הויז, און פיהרען בעל-הבית'ישקייט האָט זי קיינמאָל ניט געלערנט, און אַזוי פלעגט דער קליינער קינדערשער קאָפּ פאַלען אויף אַלערליי שפּאַסהאַפּטע נאַרישקייטען. אַ ליעבע, טייערע הויז-צרה, דאָס איז זי געווען.

דו גרויסער גאָט, ווי אונערמידליך האָט דער גוטער פּאַסטאָר דורכגעקעמפּפט אָט דעם קאָמישען קאַמפּף מיט זיין פרוי, כדי איהר אויסצולערנען אַביסעלע אָרדנונג, אַביסעלע פאָרזיכטיגקייט. פיער יאָהר צייט האָט ער אומזיסט געאַרבייט מיט איהר. ער האָט אויפגעהויבען פעדים און פּאַפּירלעך פון דער ערד, אַוועקגעשטעלט יעדע זאַך אויף איהר פּלאַץ, כסדר פערשלאָסען די טהיר הינטער איהר, אַכטונג געגעבען אויף די אויוועגס און צוגעמאַכט די לופט-קלאַפּעס. יעדעס מאָל וואָס די פרוי פלעגט אַרויסגעהן אין

נאָס, פֿלעגט ער דורכגעהן אַלע צימערן, כּדי צו זעהן, אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד זי האָט זיי איבערגעלאָזען: נו, זיינען געלעגען האָר-נאָדלען דאָ און האָר-נאָדלען דאָרט, די קאַמען זיינען געוועזן פֿול מיט האָר, טאַשענטיכלעך האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אין אַלע ווינקעלעך, און די שטוהלען זיינען געווען אָנגעוואָרפֿען מיט קליידער. דער פֿאַסטאָר פֿלעגט זיך ערגערן און מאַכען אָרדנונג. אין זיינע בחור'שע טעג, בעת ער האָט געוואוינט אין אַ קלעגליך שטיבעל, איז ער ניט געווען אַזוי היימלאָז ווי איצט.

תּחילת האָט זיין בעטען און בייזערן זיך געווירקט, זיין פֿרוי האָט אָנערקענט, אַז ער איז גערעכט, און האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך בעסערן. דאַן פֿלעגט זי אויף מאָרגען אין דער פֿריה שוין אויפֿשטעהן און אָנהויבען מאַכען אָרדנונג, אויפֿראַמען די שטוב פֿון אויבען ביז אַראָב; די ערנסטקייט פֿון'ם לעבען האָט מיט אַמאָל דורכגענומען דאָס דאָזיגע קינד און עס פֿונאַנדערגעטרייסעלט: פֿון איצט און וייטער איז זי אַ דערוואַקסענע, און דאָס קינד איז עס געווען שוין צופֿיעל, אַסך מעהר ווי ס'איז נייטיג געווען. אָבער גלייך נאָכדעם איז זי ווידער געוואָרען ווי געלעהמט, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דאָס הויז געווען אין דעם זעלבען צושטאַנד ווי פֿריהער. זי האָט זיך ניט אָנגעהייבען וואונדערן, וואָס עס איז ווידער אַמאָל אַזוי אָנגעוואָרפֿען איבעראַל, אדרבה, זי איז געווען ערשטוינט, ווען איהר מאַן פֿלעגט ווידער אָנפֿאַנגען איהר זאָגען זיין אייביגען מוסר, איהר מאַכען זיינע אייביגע פֿאָרווירפֿע. „כ'האָב אומגעוואָרפֿען די שאָל און זי צובראָכען, וואָס זשע איז דאָ אַזוינס? זי קאָסט דאָך ניט פֿיעל," האָט זי געזאָגט. „יאָ, אָבער די שערבלעך ליגען דאָ פֿון אין דער פֿריה אָן," האָט ער געענטפֿערט.

איין טאָג קומט די פֿרױ און דערצעהלט, אַז דאָס דיענסטמײדעל אָלינע מוז געהן: דאָס דיענסטמײדעל אָלינע האָט זיך נעקלאָגט, אַז די פֿרױ פֿאַסטאָר נעהמט אַרױס אַלע מענליכע זאַכען פֿון קיך און לאָזט זײ ליגען דאָרט, װאו זי האָט זײ צולעצט בענוצט.

דאַן האָט זיך דער פֿאַסטאָר בּיסלעכװײז פֿערהאַרטעװעט און אױפֿגעהערט, איהר זאָגען מוסר יעדען טאָג. מיט אַ צוזאַמענגעביסענעם מױל און מיט זײ װײניג װערטער װי מענליך פֿלעגט ער אױפֿראַמען און אײנאָרדנען די הונגערטערלײ זאַכען. און די פֿרױ האָט גאָרנישט געהאַט װאָס אײנצוװענדען דאַגעגען, זי איז געװאוינט געװען, אַז אימיצער זאָל איהר נאָכגעהן און אַלעם פֿון איהר אױפֿראַמען. און צײטענװײז האָט אױך דער מאַן איהרער געפֿונען, אַז ס׳איז אַ רחמנות אױף איהר, זי איז צו בעדױערן. זי פֿלעגט אַרומגעהן גוטמוטהיג און אָבגעמאָגערט און אין שלעכטע קלײדער און האָט קײנמאָל קײן זיפֿץ ניט געטהאָן איבער איהר אָרימקײט, ניט קוקענדיג דערויף װאָס זי איז געװאוינט געװען צו אַלעם גוטען. זי האָט צײטענװײז געקענט זיצען און נעהען און פֿון דאָס נײ איבערניצעװען איהרע קלײדער, װעלכע זײנען שוין אַזױ פֿיעל מאָל איבערגעניצעװעט געװאָרען, און דערבײ פֿלעגט זי זײן פֿרעהליך און צופֿריעדען און זיך צוזינגען װי אַ יונג מײדעלע. אָבער פּלוצלינג פֿלעגט אין איהר װידער אױפֿלעבען דאָס קינד, און די גוטע פֿרױ פֿלעגט פֿע־לאָזען איהר אַרבײט, לאָזען אַלצדינג ליגען, װי ס׳איז געלעגען, און אַרױסגעהן אין גאַס. טישען און שטוהלען האָבען דאַן געקענט זײן בעדעקט, פֿערװאָ־פֿען מיט אױפֿגעטרענטע קלײדער, אַ טאָג, יאָ צװײ טעג נאָכאַנאַנד. װאוהין פֿלעגט זי דאָס געהן? פֿון דערהײם האָט זי מיטגעבראַכט אַ חשק, זיך אַרומצושלײען איבער די

מאַגאַזינען, ס'האָט איהר פֿערשאַפֿט פֿערגניגען, עפּעס וואָס עס איז צו קויפֿען. זי האָט אַ'מער נייטיג געהאַט שטיקער טוך, בענדלעך, אַלע סאָרטען קעטלעך, שמעקעדיגע וואַסער, צאָהן־פּולווער, מעטאַלענע זאַכען, ווי שאַכטלען פֿון שוועבעלעך און פּיפּקעס צו בלאָזען אין זיי. קויף ליעבערשט איין איינציגע גרויסע זאַך, האָט זיך דער פּאַסטאָר געטראַכט, זאָל זי זיין ווי טייער, ברייננ מיך בדאי אַריין אין חובות. איך וועל פּרואווען אָנשרייבען אַ קורצע קירכען־געשיכטע פֿאַר'ן פֿאָלק און דערמיט בעצאָהלען די שולדען.

און די יאָהרען, זיי זיינען פֿערבייגעגאַנגען. אָפֿט זיינען פֿאָרגעקומען רייסערייען, אָבער דאָס פֿאָר־פֿאָלק האָט זיך דאָך ליעב געהאַט, און אַז דער פּאַסטאָר האָט זיך נור ניט אַריינגעמישט צופֿיעל אין די הויז־אַנגעלעגענהייטען, איז אַלעס אָבגעלאָפֿען אַם בעסטען. נאָר ער האָט געהאַט אַ מאָדנע, לעסטיגע איינגענשאַפֿט צו האַלטען אַ וואַכזאַם, אָפֿען אויג איבער דאָס און יענעס, זאָגאר פֿון דערווייטען, זאָגאַר פֿון פֿענסטער, זיצענדיג אין זיין שטודיר־צימער; נעכטען האָט ער בעמערקט, אַז עס הויבט אָן רעגענען אויף אַ פּאָר בעט־דעקען, וואָס זיינען געהאַנגען אין הויף. זאָל איך מאַכען אַ געוואַלד? האָט ער ביי זיך געטראַכט. מיט אַמאָל דערזעהט ער, ווי זיין פֿרוי קומט אָן, זי איז געוועזען אין גאַס און אַנטלויפֿט איצט פֿאַר'ן רעגען אַהיים. זי וועט די דעקען ניט מיטנעהמען מיט זיך! האָט זיך דער פּאַסטאָר געטראַכט. און די פֿרוי איז אַרויף צו זיך אין צימער. דער פּאַסטאָר האָט אַריינגעשריען אין קיך; איז אָבער דאָרט קיינער ניט געוועזען, און די יונגפֿרוי האָט ער געהערט ליאַרעמען אין דער מילך־קאַמער. איז דער פּאַסטאָר אַליין אַרויסגעגאַנגען און האָט אַריינגענומען די דעקען.

און דערביי וואָלט עס געקענט בלייבען. אָבער דער

פֿאַסטאָר האָט ניט געקענט האַלטען דאָס מויל, דער וואָרטשון. ביינאַכט האָט די פֿרוי געדאַרפֿט האָבען די דעקען. מען האָט זיי איהר אַריינגעבראַכט. „זיי זיינען דאָך נאַס,“ האָט זיך די פֿרוי אָבגערופֿען. „און וואָלטען נאָך נאַסער געווען, ווען איך נעהם זיי ניט אַריין,“ האָט געזאָגט דער פֿאַסטאָר. דאָ האָט די פֿרוי אָנגענומען גאָר אַן אַנדער טאָן. „דו האָסט זיי אַריינגענומען? דאָס איז אַבסאָלוט ניט נייטיג געווען, איך וואָלט שוין אַליין געהייסען די מיידלעך עס טהאָן.“ דער פֿאַסטאָר האָט ביטער געשמייכעלט: „נו יאָ, דאַן וואָלטען די דעקען נאָך איצט געהאַנגען אויף דרויסען.“ די פֿרוי האָט זיך געפֿיהלט בעליידיגט. „צוליעב די פּאָר טראָפּענס רעגען דאַרפֿסט דו ניט אַזוי בורטשען. דעם גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד איז נישט אויסצוקומען מיט דיר, דו שטעקסט אַריין דיין נאָז אין אַלצדינג!“ „איך וואָלט געווים צופֿריעדענער געווען, ווען איך קען עס אַזוי לאָזען געהן,“ האָט ער געענטפֿערט. „זעהסט דו, אַז דיין וואַשׁשיסעל שטעהט דאָרט אויף׳ן בעט?“ די פֿרוי האָט געענטפֿערט: „איך האָב זי דאָרט אַנידערגעשטעלט, ווייל ס׳איז ערגעץ אַנדערש קיין פּלאַץ ניטאָ.“ „נו יאָ,“ מאַכט ער, „ווען דו קריגסט נאָך אַ וואַש־טיש דערצו, וואָלט ער אויך געווען פֿול אָנגעוואָרפֿען מיט זאַכען.“ די פֿרוי האָט פֿערלאָרען די געדולד און געזאָגט: „גאָט, ווי אָבגעשמאַקט דו ביזסט, דו ביזסט איבערהויפּט קראַנק. ניין, איך האַלט דאָס ניט אויס!“ און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און איז פֿערזונקען אין געדאַנקען.

אָבער זי האָט עס אויסגעהאַלטען. אין אַ רגע אַרום איז אַלעס געווען פֿערגעסען, איהר גוט האַרץ האָט פֿערגעבען אַלע עולות. זי איז געווען אַזאַ גליקליכע נאַטור.

און דער פֿאַסטאָר האָט זיך אַלץ מעהר אויפֿגעהאַלטען

אין זיין שטודיר־צימער, וואו די געוועהנליכע אונארדנונג פון'ם הויז איז ניט געוועזן אַזוי קענטיג. ער איז געוועזן געזונד און שטאַרק, אַ ריכטיג אַרבייטס־פערד. ער האָט זיך פונאַנדערגעפּרעגט ביי זיינע געהילפען מכח דעם מאָראַלישען לעבען פון'ם קירך־בעצירק, און דאָס וואָס ער האָט אויסגעפונען, איז גאָרנישט געוועזן ערפרעהענד. דאָ האָט דער פּאַסטאָר זיך גענומען שרייבען בריעף, פול מיט מוסר און מיט שטראָף־רייד, אָט צו דעם און אָט צו יענעם מיטגליעד פון דער געמיינדע. האָט דאָס ניט געהאָלפען, איז ער אַליין אַריבער־געפּאָהרען צו די זינדער אויף בעזוך. ער איז געוואָרען אַ געפעהרליכער מאַן, מען האָט מורא געקריגען פאַר איהם. און ער האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט. אַליין אויף זיין אייגענער רעכנונג האָט ער אויסגעפונען, אַז איינער פון זיינע אייגענע געהילפען, מיט'ן נאָמען לעוויאָן, האָט געהאַט אַ שוועסטער, וועלכע האָט געפיהרט אַ לייכטזיניגען לעבען און פלעגט זיך אַרומטרייבען מיט די פישער־יונגען; אויך זי האָט געקריגען אַ בריעף. צו דעם צוועק האָט ער גערופען איהר ברודער צו זיך און איהם אַוועקגעשיקט מיט'ן בריעף און מיט די דאָזיגע ווערטער: „גיב איהם איהר איבער. און זאָג איהר, אַז איך וועל זי בעוואַכען מיט אָפענע אויגען...”

קויפמאַן מאַק איז געקומען אויף בעזוך, און דער פּאַסטאָר איז אַריינגערופען געוואָר־ען אין צימער. דער וויזיט איז געוועזן קורץ, אָבער בעדייטונגס־פול: מאַק האָט געוואָלט אָנבאָטען דעם פּאַסטאָר זיין העלפענדע האַנד, ווען ער וועט נור דאַרפען הילף פאַר אַן אָרימאַן אין דעם קירך־בעצירק. דער פּאַסטאָר האָט געדאַנקט און איז געוועזן זעהר צופריעדען. וואָלט ער עס שוין ביז איצט ניט געוואוסט, איז איהם אַצונד גאַנץ קלאָהר געוואָרען, אַז מאַק פון ראָזענגאַארד איז

דער בעשיצער פֿון אַלע מענשען. ווי גרויסאַרטיג און ווי מעכטיג ער איז דאָס געווען, דער אַלטער הערר! זאָגאַר אויף דער פֿרוי, וועלכע איז געווען אַ שטאָדטישע, האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק: ער איז שוין גאָר אַ פֿיי־נער מאַן, ווענען דעם איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט; דאָס זיינען זיכער עכטע שטיינער דאָרט אין דער שפּילקע, וואָס ער טראָגט אין העמד.

„ס'געהט גוט מיט דעם הערינג־פֿאַנג," האָט מאַק גע־זאָגט; „ס'האָט זיך מיר ווידער איינגעגעבען צו כאַפּען נאָך אַ גאַנצע פּאַרטיע מיט אַמאָל. נאַ, ס'איז אפילו ניט פֿיעל, בלויז אַ צוואַנציג טונען; אָבער דאָך איז דאָס אַ קליינער צוגאָב צו דעם פֿריהערדיגען פֿאַנג. און דאָ האָב איך גע־טראַכט ביי זיך, אַז מען דאַרף אויך ניט פֿערגעסען אָן די פֿליכטען צו די מיט־מענשען."

„דאָס איז ריכטיג!" האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט. „אַזוי דאַרף זיין! — צוואַנציג טונען, איז דאָס אַ קליינער פֿאַנג? איך פֿערשטעה אַזוי ווייניג פֿון די זאַכען."

„יאָ, טויזענד טונען זיינען מעהר."

„שטעל זיך פֿאָר, טויזענד!" רופֿט זיך אָב די פֿרוי.

„אָבער וואָס איך שפּאַר אַליין ניט אָב מיט מיינע נעץ־קערב, קויף איך אויף פֿון די אַנדערע," זאָגט מאַק ווייטער. „אַ פֿרעמדער קאָמפּאַניע האָט נעכטען אָבגעגליקט צו כאַפּען אַ גאַנצע מאַסע הערינג; איך האָב עס גלייך אָבגעקויפֿט. איך וועל אָנלאָדען אַלע מיינע שיפֿען מיט הערינג."

„איהר האָט פֿאַר זיך אַ גרויסען, אויסגעשפּרייטען האַנדעל," האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט.

מאַק האָט צוגעגעבען, אַז דער האַנדעל הויבט אָן זיך אויסשפּרייטען. ס'איז אייגענטליך אָן אַלט, גע'ירש'ענט

געשעפט, האָט ער געזאָגט, אָבער ער האָט עס דאָך פערבּרייטערט און נייע צווייגען געעפענט. דאָס אַלעס טהוט ער פאַר זיינע קינדער.

„די גרויסער גאָט, וויפיעל ווערקשטאַטען און פאַבּריקען און קלייטען האָט איהר דען אייגענטליך?" האָט דעם פאַסטאָר'ס פרוי בּעגייסטערט געפרעגט.

מאַק האָט זיך צולאַכט און געענטפערט:

„דאָס ווייס איך ווירקליך נישט, גנעדיגע פרוי. כ'וואָלט אליין געמוזט איבּערצעהלען."

און מאַק האָט צוליעב דעם געשפּרעך איוף אַ ווייליגקע פערגעסען אָן זיינע זאָרגען און קאָפּ־דרעהעניששען; צו ריידען און אויסגעפרעגט צו ווערן וועגען זיינע געשעפטען איז איהם גאָר נישט געווען אונאַנגענעהם.

„ווען מיר וואָלטען נור געווען נאָהענט צו אייער גרויסער בּעקערייי פון ראָזענגאַארד," האָט זיך די פרוי אָבּגערופען און דערמיט בּעוויזען, אַז זי נעהמט אינטערעס אין דער ווירטשאַפט. „מיר באַקען דאָ אַזאַ שלעכט בּרויט."

„בּיים וואָיט וואוינט דאָך אַ בּעקער."

„יאָ, אָבער ער ליפערט נישט קיין בּרויט."

דער פאַסטאָר האָט געזאָגט: „ליידער, ער טרינקט אַזוי פיעל. כ'האָב געשריבּען אַ בּ־יעף צו איהם."

מאַק האָט געשוויגען אַ מינוט צייט. „אויב אַזוי, וועל איך אייך אויפבּויען אַ בּעקערייי דאָ נעבּען אייך," האָט ער געזאָגט.

ער איז געווען אַלטעכטיג, ער האָט געטהאָן וואָס ער האָט געוואָלט. איין וואָרט פון איהם, און עס וועט דאָרט שטעהן אַ בּעקערייי.

„שטעל זיך פאָר!" האָט די פרוי אויסגערופען, און זי האָט דערבּיי אויסגעשטעלט אַ פּאָר פערוואונדערטע אויגען.

„איהר וועט שוין האָבען ברויט, גנעדיגע פרוי. איך טעלעגראַפיר גלייך נאָך די אַרבייטער. ס'וועט נעהמען בלויז אַ קורצע צייט, אַ פּאָר וואָכען.“

אָבער דער פּאַסטאָר האָט געשוויגען. ווען זיין הויז־מאַטועל און אַלע זיינע מיידלעך וואָלטען געבאַקען דאָס ברויט, וואָס מען וועט דאַרפען? אַצונד וועט דאָס ברויט טייערער ווערן.

„איך מוז אייך דאַנקען, ווייל איהר האָט מיר אַזוי גערן געגעבען קרעדיט אין אייער מאַטעריאַל־ און וואַארען־מאַגאַזין,“ האָט זיך דער פּאַסטאָר אָבגערופען.

„יאָ,“ האָט אייך זיין פרוי געזאָגט און דערמיט ווידער אַרויסגעוויזען אינטערעס אין דער בעל הבית'ישקייט.

„דאָס איז דאָך געווען זעלבסטפערשטענדליך,“ האָט מאַק געענטפערט. „אַלעס, וואָס איהר ווינשט נור, איז פאַר אייך גרייט.“

„ס'איז דאָך מערקווירדיג, ווי אַזוי אַלעס ליגט ביי אייך אין די הענד, אין אייער מאַכט,“ זאָגט די פרוי.

מאַק האָט געענטפערט: „ס'ליגט גאָרנישט אַלעס אין מיין מאַכט. אָט בין איך ניט אַמאָל אימשטאַנד מיין גנב אויסצוגעפינען“.

„ס'איז טאַקע אַן אונגלויבליכע געשיכטע,“ רופט זיך אָב דער פּאַסטאָר. „איהר זאָגט זאָגאַר דעם גנב אַליין צו די העכסטע בעלוינונג, אַ גאַנצען פערמעגען, און ער גיט זיך ניט אויס.“

מאַק האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„א י י ך צו בע'גנב'ענען, דאָס מוז מען דאָך ווירקליך אָנרופען די עקעלהאַפטסטע אונדאַנקבאַרקייט,“ זאָגט די פרוי.

מאַק איז איינפערשטאַנען געווען דערמיט: „ווייל איהר

זאָגט עס, גנעדיגע פֿרוי, — איך האָב עס אויך נים ער־וואַרט. ניין, ווירקליך נים. איך וויים נים, מיט וואָס איך האָב זיך אַזוי שלעכט אַרויסגעוויזען געגען מיינע לייט."

דער פאַסטאָר האָט בעמערקט: „אַזוי געהט עס שוין: מען בע'גנב'עט דעם מאַן, ביי וועמען ס'איז פֿאַרהאַן וואָס צו גנב'ענען. דער גנב האָט געוואוסט, וואוהין ער דאַרף געהן."

און דערמיט האָט דער פאַסטאָר גאַנץ נאַאיוו אַרויסגע־זאָגט דאָס ריכטיגע וואָרט. דעם סוחר איז ווידער געוואָ־רען לייכטער אויף'ן האַרצען. אַז מען פֿאַסט עס אויף אַזוי, ווי דער פאַסטאָר האָט עס אויפֿגעפֿאַסט, דאַן פֿערקלענערט זיך די גאַנצע שמאַך און שאַנד, וואָס ליגט אָנגעטשעפעט אָן דער גנבה.

„אָבער די מענשען געהען אַרום און מאַכען אַלערליי בעהויפטונגען," האָט ער געזאָגט. „דאָס שאָדט מיר און מאַכט מיך טרויעריג. דאָ געפֿינען זיך איצט אַזוי פֿיעל פֿרעמדע, און די שאַנעווען מיך נים. און מיין טאָכטער עליזע נעהמט זיך דערפֿון אַזוי צום האַרצען. נא," האָט ער געזאָגט און איז אויפֿגעשטאַנען, „ס'איז געוויס נים מעהר ווי אַן איבערגאַנג. יאָ, ווי געזאָגט, אויב דער העדר פאַס־טאָר וועט ערגעצוואו אין דער געמיינדע אָנטרעפֿען נויט, טאָ זייט אַזוי גוט און האָט מיך אין זינען."

מאַק איז אַוועק. דער פאַסטאָר און זיין פֿרוי האָבען געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק אויף איהם, און ער וועט וועגען זיי געוויס זאָגען אַ גוט וואָרט, וואוהין ער וועט נור קומען. שאַדען קען דאָך דאָס זיי נים? אָדער ווער ווייסט? ווי ווייט איז דאָס שוין געקומען מיט די גערייִדערייען פֿון די מענשען? נעכטען איז זיין זוהן פֿרידריך אָנגעקומען און האָט דערצעהלט, אַז אַ שכור'ער פֿישער האָט פֿון זיין

שיפּעל אַריבערגעשריען צו איהם: העי דו, האָסט דו זיך
שוין אַליין אויסגעגעבען און געקריגען די בעלוינונג?

VI.

די טעג זיינען געוואָרען וואַרים, דער אָבגעשפּאָרטער הערינג האָט געמוזט בלייבען שטעהן אין די נעץ־קערב, כדי ער זאָל ניט קאַליע ווערן, און נור אין רעגען־וועטער אָדער אין קיהלע נעכט האָט מען דעם פאַנג ווי עס איז געקענט בעהאַלטען. דאַן האָט די שפע אין גאַנצען אויפגעהערט, ס'איז שוין געווען צו וויט אַריינצופאָהרען אין יאָהר, און די פישער האָבען זיך איינער נאָך'ן אַנדערן אומגעקעהרט אַהיים. דאָרט האָט אויף זיי אויך געוואַרט די פעלד־אַרבייט, און יעדער איינער איז נייטיג געווען, מען האָט ניט געקענט אויסקומען אָהן איהם.

און די נעכט זיינען אויך געוואָרען העל און זוניג. דאָס וועטער איז געווען אַזוי צוגעפּאַסט צום אַרומשפּאַצירען און פאַנטאַזירען, טרוימען. גאַנצע נעכט נאָכאַנאַנד איז די יוגענד געווען אויף די וועגען און האָט געזונגען און אַרומגעפּאָכעט מיט צווייגען פון ווערבעס אין דער לופט. און פון אַלע אינזלען און אינזעלעך האָבען זיך געהערט די שטימען פון אַלערליי פייגעל. און דער ים־הונד האָט אַרויסגעשטעקט

זיין טריפענדיג נאַסען קאָפּ פון׳ם וואַסער און זיך אומגעקוקט אַרום און אַרום און זיך דאַן צוריק אַרונטערגעלאָזט אין זיין וועלט אַריין.

אויך אָווע ראָלאַנדסען האָט געשווערעמט, געטרוימט אויף זיין שטייגער. ביינאַכט פלעגט מען צייטענווייז הערען געזאַנג און די קלאַנגען פון אַ גיטאַרע, וועלכע זיינען געקומען פון זיין צימער, און מעהר האָט מען פון אַ מאַן אין זיינע יאָהרען ניט געקענט פערלאַנגען. און געזונגען און געקלאַפּט אויף די סטרונעס האָט ער אויך ניט דורכאויס פאַר לוימער ענטציקונג, נאָר אדרבה, כדי זיך צוצושטרייען און האָבען אַ שטיקעל אָבוועקסלונג, אַ דערלייכטערונג אין זיין גרויסער גריבלעריי. ראָלאַנדסען טראַכט און טראַכט מיט אַלע כוחות, ער איז אין אַ מיאוס׳ער קלעם, און עס מוז זיך דאָך געפינען עפּעס אַן אויסוועג. נאַטירליך איז יונגפרוי וואַן לאָאָז ווידער געקומען, זי איז ניט געווען אַזוי איבעראיילט אין דער ליעבע, מיט מאַכט האָט זי זיך געהאַלטען פעסט אָן איהר פערלאָבונג. אויף דער אַנדער זייט איז דאָך ראָלאַנדסען ניט געווען קיין גאָט, ער האָט ניט געקענט איינהאַלטען זיין גרוים הארץ אין שפּאַן, פריהלינג־צייט פלעגט עס איהם אַוועקלויפען. ס׳איז ניט אַזוי לייכט, ווען מען האָט אַ כלה, וועלכע פערשטעהט ניט, אַז מען האָט פאַלשטענדיג אָבגעבראָכען איינער מיט׳ן אַנדערן.

ראָלאַנדסען איז ווידער אַרונטערגעגאַנגען צום קירכען־דיענער אין דער וואוינונג, און אָלגאַ איז געזעסען אויף דרויסען ביי דער טהיר. אָבער דער הערינג איז איצט אין פּרייז געשטאַנען אויף זעקס „אָרט"*) דער טון, די צייטען זיינען געווען גוט, און ס׳איז אַריינגעקומען אַסך געלד אין

---

*) 1 „אָרט" — 24 שילינג.

דער געמיינדע. אָלגאַ האָט זיך אודאי געמוזט עפּעס איינ־בילדען. אָדער וואָס איז איהר פּאָרט אַריין אין קאָפּ? איז ראָלאַנדסען געווען דער מאַן, אָהן וועמען מען האָט פּונקט אַזוי גוט געקענט אויסקומען? זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויף איהם און זיך ווידער גענומען צו איהר פלעכט־אַרבייט.

ראָלאַנדסען האָט געזאָגט: „ווי איהר קוקט דאָס אַרויף צו מיר! אייערע בליקען זיינען קוילען, זיי פערוואונדען מיך!"

„איך פערשטעה אייך ניט," האָט אָלגאַ געזאָגט.

„יאָ. אָבער גלויבט איהר דען, אַז איך אַליין פערשטעה מיך בעסער? איך האָב פערלאָרען דעם פערשטאַנד. אַצונד שטעה איך דאָ און מאַך עס אייך נור נאָך אַביסעלע לייכ־טער, מיר דעם קאָפּ צו פערטומלען פאַר היינט ביינאַכט."

„דאַן וואָלט איהר ליעבערשט ניט געדאַרפט שטעהן דאָ," האָט אָלגאַ געזאָגט.

„היינט אָבענד האָב איך געהערט ווערטער ביי מיר אין האַרצען. אונאויסשפּרעכליכע ווערטער זיינען עס געווען. קורץ און גוט, איך האָב בעשלאָסען צו מאַכען אַ סוף און ענטשיידען אַהין אָדער אַהער, אויב איהר דענקט, אַז איהר וואָלט מיר געקענט אַן עצה געבען דערצו."

„איך? וואָס האָב איך דען דערמיט צו טהאָן?"

„נו נו," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט. „איהר זייט גאַנץ בימער היינט, איהר זיצט נור דאָ און וועהרט זיך אַנטקעגען מיר. איבעריגענס וועלען אייערע האָר שוין באַלד ניט קענען מעהר איינליגען ביי אייך אויף'ן קאָפּ, אַזוי געדיכט וואַקסען זיי."

אָלגאַ האָט געשוויגען.

„האָט איהר געהערט, אַז דער אָרגעל־טרעטער בעררע האָט אַ טאָכטער, וועלכע איך קען קריגען פאַר אַ פרוי?"

דאָ האָט אָלגאַ אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און האָט איהם אָנגעקוקט.

„ניין, הויבט אַקאָרשט ניט אָן צו שמייכלען. דאָס מאַכט מיך נאָך מעהר פערליעבט אין אייך."

„איהר זייט אַ פעררינקטער מענש," האָט אָלגאַ געזאָגט שטילערהייט, און איהר געזיכט האָט זיך געררויטעלט.

„צייטענווייז דענק איך: ס'קען זיין, אַז זי לאַכט מיר נור דערפאַר אַריין אין געזיכט, כדי מיך נאָך מעהר צו פערטומלען. שלאַכט מען דען ניט אָב ענטלעך און גענז, געבענדיג זיי אַפריהער אַ קליינעם שטאָך אין קאָפּ? דורכ־דעם לויפען זיי אויף און ווערן נאָך אַמאָל אַזוי געשמאַק!"

אָלגאַ האָט געענטפערט אַ בעליידיגטע: „אַזוי בין איך ניט. דאָס דאַרפט איהר אויף מיר ניט גלויבען." און זי איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך גרייט געמאַכט אַריינצוגעהן.

„אויב איהר געהט אַריין, וועל איך דאָך נאָכקומען נאָך אייך און פרעגען אייער פאָטער, צי ער האָט איבערגעלייענט די ביכער," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט.

„מיין פאָטער איז ניטאָ אין דערהיים."

„אַזוי. נו, איהם וויל איך אייגענטליך גאָר ניט טרעפען. אָבער איהר, אָלגאַ, ווי האַרט און קאַלט איהר זייט דאָס היינט! ס'איז מיר ניט מעגליך פון אייך אַ פריינדליך וואָרט אַרויסצוקריגען. איך בין לופט פאַר אייך, איהר שליידערט מיך צו דער ערד."

אָלגאַ האָט זיך ווידער צולאַכט.

„בעררע האָט אַלזאָ אַ טאָכטער," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט. „דאָס מיידעל הייסט פערניללע. איך בין אַרומגעגאַנגען און האָב זיך צופרעגט. איהר פאָטער טרעט דעם אָרגעל אין דער קירכע."

„מוזם איהר האָבען אויף יעדען פֿינגער אַ געליעבטע?"
האָט אַלגאַ אָפּענהערציג געפֿרעגט.

„מיין כלה האָט געהייסען מאַריע וואַן לאַאָז," האָט ער
געענטפֿערט; „אָבער מיר האָבען אָבגעמאַכט, אַז עס זאָל
זיין אויס צווישען אונז. איהר קענט זי פֿרעגען. זי פֿאָהרט
געווים באַלד אָב פֿון דאַנען."

„יאָ, מוטער, איך קום שוין," האָט אַלגאַ אַריינגערופֿען
צום פֿענסטער.

„אייער מוטער האָט אייך ניט גערופֿען, זי האָט אייך
בלויז אָנגעקוקט."

„יאָ, אָבער איך וויים וואָס זי וויל."

„אַהאַ. יאָ, איצט וועל איך געהן. זעהט איהר, אַלגאַ,
איהר ווייסט אויך געווים, וואָס איך וויל, אָבער מיר ענט־
פֿערט איהר גאָרנישט פֿון אַ: יאָ, איהר קומט שוין."

זי האָט געעפֿענט די טהיר. אַצונד האָט זי זיכער
געקריגען דעם איינדרוק, אַז ער איז ניט דער איבערלעגנטער,
בערעכענטער ראָלאַנדסען, און ער מוז עס ווידער גוט מאַ־
כען. האָט עס דען אַ זינן, אַזוי מיאוס זיך אַליין צו שע־
דיגען? ער האָט אָנגעהויבען ריידען פֿון טויט און האָט זיך
דערביי נאָך געמאַכט וויציג: פֿאַר איהם איז דאָך איצט
ניטאָ קיין אַנדער וועג, נור שטאַרבען, און אַזוי שטאַרק
דערווידער וועט איהם דאָס שטאַרבען ניט זיין. אָבער דאָס
בעגרעבעניש וויל ער נאָך זיין געשמאַק נאָך האָבען. ער
אַליין וועט זיך מאַכען אַ גלאָק צום קלינגען, און דער קלאַ־
פּער זאָל דער פֿוס־ביין פֿון אַן אָקס זיין — אַזוי דום איז
ער. און דער פּאַסטאָר זאָל די קירצסטע רעדע פֿון דער
וועלט האַלטען און זאָל נור אַרויפּשטעלען זיין פֿוס אויף'ן
קבר און זאָגען: פֿאַר געשטאָרבען און פֿערדאָרבען דערקען
איך דיך דאָ פֿון איצט ביז אין אייביגקייט!

נאָר אָלגאַ האָט זיך שטאַרק געלאַנגווײלט און איז שוין ניט געווען שרעקעדיג. איבער'ן קעלנערל האָט זי היינט געטראָגען אַ רויטען זיידענעם באַנד, אַזוי אַז זי האָט אויס־געזעהן ווי אַ דאַמע, און ס'האָט איצט אויך קיין מענש מעהר ניט געקענט זעהן די שפּילקע אויף איהר קליידעל.

נאָך בעסער, נאָך גרינגדליכער וועל איך זיך רעכטפערטיגען, האָט זיך ראָלאַנדסען געטראַכט. ער האָט געזאָגט: „איך האָב ערוואַרט, אַז עס וועט עפּעס ווערן דערפון. מיין אַלטע כלה אין פּאַסטאָר־הויף האָט מיר אויסגענעהט אַזוי פיעל אָנפאַנגס־בוכשטאַבען אין מיינע זאַכען, און אַצונד איז אַלץ, וואָס איך האָב, געצייכענט אַזוי גוט ווי מיט אָלגאַ ראָלאַנד־סען. דאָס האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין אַ מין וואונק פון הימעל. אָבער איצט וויל איך זאָגען אַדיע און דאַנקען פאַר דעם היינטיגען טאָג!"

און ראָלאַנדסען האָט אַ פאָך געטהאָן מיט'ן הוט אין דער לופטען און איז אַוועק. אַזוי איבערלעגט, אַזוי בערע־בענט האָט ער געענדיגט. עס וואָלט דאָך ווירקליך געווען אויסערגעוועהנליך, ווען זי זאָל איצט ניט אַביסעלע נאָכדענקען איבער איהם.

וואָס איז אַזוינס געשעהן? זאָגאַר דעם קירכען־דיענער'ס טאָכטער האָט איהם געגעבען דעם וועג. גוט! אָבער זיינען דען ניט געווען אַ פּאָר זאַכען, וואָס האָבען געוויזען, אַז ס'איז אַלעס ניט מעהר ווי אַן אָנשטעל, אַ קונצענמאַכעריי? פאַרוואָס איז זי עפּעס געזעסען אויף דרויסען ביי דער טהיר, אויב זי האָט איהם ניט געזעהן אָנקומען? און פאַרוואָס האָט זי זיך אין מיטען דערינען אויסגעפּוצט מיט דעם רויטען זיידענעם באַנד, ווי אַ פיינע דאַמע?

אָבער שוין אין אַ פּאָר אָבענדען אַרום האָט ראָלאַנדסען'ס שטאָלץ, זיין איינבילדונג געמוזט ווערן צו נישט. פון זיין

פֿענסטער האָט ער געזעהן אָלגאָ'ן ווי זי געהט צו טאַק'ן אין מאַגאַזין. ביז שפּעט אין אָבענד איז זי דאָרט געבליבען, און אַז זי איז אַהיים געגאַנגען, איז זי געווען צוזאַמען מיט פֿרידריך'ן און עליזע'ן. נו, האָט דער שטאָלצער ראָלאַנדסען געזאָלט בלייבען רוהיג אויף זיין פּלאַץ, ער האָט זיך בלויז געזאָלט שטילערהייט צווינגען אַ ניגון'דעל אָדער גלייכגילטיג אויספּויקען עפּעס אַ מאַרש מיט די פֿינגער און איבערהויפּט זיך פֿערנעהמען מיט זיינע אייגענע זיבען זאַכען; אָנשטאָט דעם אָבער האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן זיין הוט און איז מיט אימפּעט אַרויסגעלאָפֿען אין וואַלד. ער האָט געמאַכט אַ גרויסען בויגען און איז צוריק אַרויסגעקומען אויף'ן וועג ווייט אַרויס פֿון די דריי. דאָ איז ער געבליבען שטעהן און האָט אָבגעכאַפּט דעם אָטהעם. דאַן איז ער זיי געגאַנגען אַנט־קעגען.

אָבער די דריי האָבען זיך גענומען צייט, זיינען געגאַנגען אויסערגעוועהנליך לאַנגזאַם, ראָלאַנדסען האָט זיי ניט געזעהן און ניט געהערט. ער האָט זיך צוגעפּייפֿט און צוגעזונגען אַ ליעדעל; ווער ווייס? זיי קענען דאָך זיצען ערגעצוואו אין וואַלד און איהם נאָכקוקען. ענדליך האָט ער זיי געזעהן קומען, זיי זיינען געגאַנגען אונפֿערשעהמט לאַנגזאַם פֿאַר דער שפּעטער שטונדע, און קיינער פֿון זיי האָט זיך ניט געאיילט אַהיים צו קומען. מיט אַ לאַנגען שטרוי אין מויל און מיט אַ ווערבע־צווייג אין קנאָפּ־לאָך איז ער זיי אַנט־קעגען געגאַנגען; ביידע מענער האָבען זיך בעגריסט ביי דער בעוועגונג, און די דאַמען האָבען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„ווי דערהיצט איהר זייט,“ זאָגט פֿרידריך; „וואו זייט איהר דאָס געווען?“

ראָלאַנדסען ענטפֿערט איהם איבער די שולטערן אַריבער:

„דאָס איז דער פֿריהלינג; וואַנדערענדיג בענרים איך דעם פֿריהלינג.“

דאָס איז ניט געווען קיין פלוידעריי, נאָר די ריינע, ריינע וואַהרהייט! האַהאַ, ווי לאַנגזאַם און גלייכגילטיג און אונגעריהרט ער איז דאָס פֿערביינגעגאַנגען פֿערביי זיי! ער האָט נאָך זאָגאַר געהאַט די קראַפֿט צו בעטראַכטען עליזע מאַק פֿון אויבען ביז אַראָב. אָבער קוים איז ער זיי נור אַרויס פֿון די אויגען, האָט ער זיך פֿער׳גנב׳עט אין וואַלד און איז שוין מעהר ניט געווען שטאָלץ, נאָר ער האָט זיך געפֿיהלט נעריהרט און דערשלאָגען. אָלגאַ, די האָט איצט ניט געהאַט קיין שום בעדייטונג, און אַזוי גיך ווי ס׳איז איהם נור אַרויף אויף׳ן זינען, האָט ער אַרויסגענומען די בוזים־שפּילקע פֿון טאַש, האָט זי אַבזיכטליך צובראָכען אויף צווייען און זי אַוועקגעוואָרפֿען. אָבער דאָ איז געווען מאַק׳ס טאָכטער עליזע, און די איז געווען הויך און פֿערברוינט פֿון דער זונן, און אַז זי האָט געשמייכעלט, האָט מען געקענט זעהן איהרע ווייסע צייהן. די האָט איהם נאָט אויף צו להכעיס צוגע־שיקט. קיין איין וואָרט האָט זי ניט אויסגערעדט, און פּלוצלינג פֿאָהרט זי שוין מאָרגען אַהיים. און יעדע האָפֿנונג ווערט זיין אָבגעשטאָרבען.

ס׳איז גוט אַזוי.

אָבער אין דערהיים ביי דער סטאַציאָן איז געשטאַנען יונגפֿרוי וואַן לאָאָז און האָט געוואַרט אויף איהם. איינמאָל שוין האָט ער איהר ווידערהווילט, פֿערביי איז פֿערביי, און זי זאָל ליעבערשט פֿאָהרען. און יונגפֿרוי וואַן לאָאָז האָט גע־ענטפֿערט, ווענען דעם זאָל ער זי ניט דאַרפֿען צווייטאָל בעטען; און דערום: אַדיע. אָבער אַצונד איז זי ווידער גע־שטאַנען דאָרט און געוואַרט אויף איהם.

„דאָ האָסט דו דעם טאַבאַק־ביימעל, וואָס איך האָב

דיר פֿערשפּראָכען," האָט זי געזאָגט. „אויב דו ווילסט איהם האָבען."

ער האָט איהם ניט צוגענומען, נאָר געענטפֿערט: „אַ טאַבאַק־בייטעל? אַזעלכע זאַכען דאַרף איך ניט."

„אַך ווירקליך?" האָט זי געזאָגט און צוריקגעצויגען איהר האַנד.

און ער האָט זיך געצוואונגען, זיך אָנגעטהאָן אַ כח, זי צוריק אַריינצובריינגען אין אַ מילדערע שטימונג: „דאָס מוז געוויס זיין אַן אַנדערער, וועמען איהר האָט דעם בייטעל פֿערשפּראָכען. דערמאָנט זיך אַקאָרשט. פֿילייכט איז עס דער פּאַסטאָר. אַ פֿערהייראַטער מאַן."

זי האָט ניט פֿערשטאַנען, וויפֿיעל מיה אָט דער קליינער וויץ האָט איהם געקאָסט, און זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און געזאָגט: „איך האָב געזעהן די דאַמען דאָרט אויף'ן וועג, ווי ביסט דו דאָס אַפּנים נאָכגעגאַנגען?"

„וואָס געהט דאָס אייך אָן?"

„אָוועק!"

„פֿאַרוואָס פֿאָהרט איהר ניט אַוועק? איהר זעהט דאָך, אַז עס קען אַזוי ניט געהן."

„ס'וואָלט שוין גאָר גוט געגאַנגען, ווען דו וואָלסט נור ניט געווען אַזאַ טשאַטשקע פֿון אַ מאַן און וואָלסט ניט נאָכגעלאָפֿען יעדען קליידעל."

„ווילט איהר מיך גאַנץ ווילד מאַכען?" האָט ער אַ געשריי געטהאָן. „גוטע נאַכט!"

יונגפֿרוי וואַן לאָאָז האָט איהם נאָכגעשריען: „יאָ, דו, דו ביזסט מיר דער ריכטיגער! איך הער די ערגסטע זאַכען וועגען דיר!"

האָט דען אָט די איבערטריבענע ענגהאַרציגקייט אַ זינן געהאַט? און פֿאַרוואָס זאָל מען ניט פֿערגינען אַן אָרעמער

זעעלע, ווען זי וויל זיך טאָטשען און גריזשען דאָס האַרץ מיט אַ קליינעם עכטען ליעבעס־קומער ? הקיצור, ראָלאַנד־סען איז אַרויף אין ביורא, האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טעלעגראַפען־אַפּאַראַט און געבעטען אַ קאָלעגע אויף דער סטאַציאָן ראָזענגאַארד, ער זאָל איהם מיט דער נעכסטער געלעגענהייט צושיקען אַ האַלבען אַנקער קאָניאַק. וואָרים דאָס דאָזיגע אייביגע אַרומשלעפּען זיך אַהין און אַהער האָט דאָך קיין שום זינן געהאַט.

VII.

עליזע מאַק נעהמט זיך דאָס מאָל צייט ביים בעזוך פון דער פאַבריק. זי פערלאָזט דאָס גרויסע ראָזענגאַארד און פאָהרט אַריבער, נור כדי דעם פאָטער איהרען אַביסעל קאָמפּאַניע צו האַלטען, איהם אַביסעל לייכטער און גע־מיטהליכער צו מאַכען; ער וואָלט געווים קיין פוס ניט אַריינ־געשטעלט אין קירך־בעצירק, ווען ער וואָלט עס נור געקענט פערמיידען.

עליזע מאַק האָט פון יאָהר צו יאָהר אַלץ רייכער און רייכער אויפגעבליהט, איהרע קליידער זיינען געווען רויט און ווייס און געל, און מען האָט אָנגעהויבען זי צו רופען „פריילין", כאָטש איהר פאָטער איז ניט געווען ניט קיין פאַסטאָר און ניט קיין דאָקטאָר. אַ זונן און אַ שטערנבילד איז זי געווען, הויך איבער אַלעמען.

זי איז געקומען מיט עטליכע טעלעגראַמעס אויף דער סטאַציאָן, און ראַלאַנדסען האָט זיי ביי איהר צוגענומען. ער האָט בלויז גערעדט מיט איהר די פּאָר ווערטער, וועלכע זיינען נייטיג געוועז, און האָט ניט בעגאַנגען דעם פעהלער, איהר ווי אַ בעקאַנטער צוצושאָקלען מיט'ן קאָפּ און פרעגען, ווי עס געהט איהר. קיין שום פעהלער האָט ער ניט בע־גאַנגען.

„דאָ שטעהט צוויי מאָל נאָכאַנאַנד שטרויס־פּעדער. איך וויים ניט, צי דאָס איז אַבזיכטליך?"

„צוויי מאָל?" האָט זי געזאָגט. „לאָמיר אַקאָרשט זעהן. אָך ווירקליך, איהר האָט רעכט. בימע, לייהט מיר אַ פּעדער."

בעת זי האָט אַרונטער גענומען דעם האַנדשוה און גע־שריבען, האָט זי ווייטער געזאָגט: „ס'איז צו אַ קויפמאַן אין שטאָדט, דער וואָלט מיר זיכער אויסגעלאַכט. איצט איז דאָך גוט אַזוי?"

„איצט איז עס גוט אַזוי."

„און איהר זייט נאָך אַלץ דאָ," האָט זי געזאָגט און איז געבליבען זיצען אויף'ן שטוהל. „יאָהר־אויס, יאָהר־איין געפין איך אייך דאָ."

ראָלאַנדסען האָט מסתמא געוואוסט וואָס ער טהוט, ווען ער איז ניט אַוועק פון דער דאָזיגער סטאַציאָן און האָט ניט געזוכט קיין אַנדער שטעלע. ס'האָט אודאי געמוזט זיין עפּעס, וואָס האָט איהם דאָ צוגעהאַלטען אָט די אַלע יאָהרען.

„ערגעצוואו מוז מען דאָך זיין," האָט ער געענטפערט.

„איהר וואָלט געקענט אָנקומען אין ראָזענגאַארד. דאָרט איז עס דאָך אַביסעל בעסער?"

נאָר אַ גאַנץ שוואַכע רויטקייט האָט זיך אויסגעגאָסען איבער איהרע באַקען, אַזוי אַז זי האָט פיליייכט געוואונשען, זי זאָל עס ניט האָבען געזאָגט.

„אַזאַ גרויסע סטאַציאָן וועל איך ניט קריגען."

„ניין, איהר זייט געווים נאָך צו יונג דערצו."

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַ קליינעם אָרעמען שמייכעל: „יעדענפאַלס איז עס ליעבענסווירדיג פון אייך צו גלויבען, אַז דאָס איז דיא אורזאַך דערפון."

„ווען איהר וואָלט אַריבערגעקומען צו אונז, מיר ווינען דאָך אַביסעל מעהר מענשען דאָרט. דער דאָקטאָר און זיין

פֿאַמיליען וועלכע וואוינען דערנעבען, און דער בוכהאַלטער און אלע קאָמיס פֿון'ם מאַגאַזין. און דאַן קומען איטער אַרונטער אַלערליי וואונדערליכע שיפֿער און פֿערשיעדענע לייט אויף דער יבשה."

קאַפּיטאַן הענריקסען פֿון'ם שיפֿעל, וואָס פֿאָהרט אַרום ברעג? האָט זיך ראָלאַנדסען געטראַכט.

וואָס איז דען אייגענטליך בעצוועקט געוואָרען מיט אָט דער איבער־מאָס פֿון גנאָד? איז ראָלאַנדסען פלוצלונג זינט נעכטען אַן אַנדער מענש געוואָרען? ער האָט דאָך געוואוסט, אַז זיין נאַרישע פֿערליעבעניש איז דורך און דורך האָפֿנונגסלאָז, דערצו איז אַלזאָ גאָרנישט געווען וואָס צו בעמערקען. אַז זי איז אַוועק, האָט זי איהם דער־לאַנגט די האַנד, און זי האָט ניט געפֿונען פֿאַר נייטיג, זיך אַפּריהער אָנצוטהאָן דעם האַנדשוה. ס'האָט גערוישט פֿון זייד, ווען זי איז אַרונטער די טרעפּ.

און ראָלאַנדסען האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, אָבגעצעהרט און איינגעבויגען ווי ער איז געווען, און האָט אַוועקגעשיקט די טעלעגראַמעס. טויזענד וואונדערפֿולע געפֿיהלען האָבען דורכגעשטראָמט אין זיין ברוסט, די וואַרימקייט פֿון דער דאָזיגער סאַמעטענער האַנד איז איהם דורך דורך אַלע גליעדער. אַז מען בעטראַכט עס ריכטיג, האַלט עס נאָך גאָר ניט אַזוי קלעגליך מיט איהם, די ערפֿינדונג קען אַריינברייגגען אַסך געלד, ווען ער זאָל נור קריגען די דריי הונדערט טהאַלער. ער איז אַ באַנקראָטירטער מיליאָנער. אָבער אין אַ שעהנעם טאָג וועט ער דאָך מן הסתם קענען געפֿינען עפּעס אַן אויסוועג דערצו.

דעם פֿאַסטאָר'ס פֿרוי איז געקומען, זי האָט געוואָלט טעלעגראַפֿירען צו איהר פֿאָטער. דער פֿריהערדיגער בעזוך האָט ראָלאַנדסען'ן געשטעלט אויף די פֿיס, ער האָט זיך שוין מעהר ניט געפֿיהלט ווי אַ לא יוצלה, אַ טויגעניטס,

נאָר ווי אַ גרויסער הערר, ער האָט גערעדט אַביסעל מיט דער פרוי פּאַסטאָר, געוועקסעלט מיט איהר אַ פּאָר אַלגע־מיינע פראַזען. אויך די פרוי איז געבליבען לענגער, ווי ס׳איז אַבסאָלוט נייטיג געווען, זי האָט איהם געבעטען, צו קומען אין פּאַסטאָר־הויף.

אָבענד־צייט האָט ער ווידער געטראָפען דעם פּאַסטאָר׳ס פרוי אויף׳ן וועג הינטער דער סטאַציאָן, און זי איז נים געגאַנגען ווייטער, נאָר זי איז געבליבען שטעהן, און עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ געשפּרעך צווישען זיי. זי האָט אַפּנים גאָרנישט געמוזט האָבען דאַנענען, אַז זי איז שטעהן געבליבען.

„איהר שפּיעלט דאָך גיטאַרע," האָט זי געזאָגט.

„יאָ. וואַרט אַ ווײַלע, דאַן וועט איהר הערען, וואָס איך קען."

און ראָלאַנדסען איז אַוועק, ברײַנגען די גיטאַרע.

די פרוי האָט געוואַרט. זי האָט אַפּנים גאָרנישט גע־האָט דאַגעגען, אַז זי האָט געוואַרט.

ראָלאַנדסען האָט איהר עפּעס געזונגען פון זיין האַרצענס־געליעבסטטער און אַ פרײַנד אַזוי טריי ווי גאָלד, און די ליעדער אַליין זיינען אַפּילו נים געווען אַזוי גרויסאַרטיג, נאָר זיין שטימע איז געווען הויך און שעהן. ראָלאַנדסען האָט זיך געהאַט זיין כונה דערביי, ווען ער האָט פערהאַלטען די פרוי אויף׳ן מיטען וועג; ס׳האָט דאָך געקענט פּאַסירען, אַז אימיצער זאָל אין דער צייט פערביישפּאַצירען. ס׳איז דאָך פריהער אַמאָל אויך געשעהן. און אַז די פרוי וואָלט קיין צייט נים געהאַט, וואָלט זי דאָך איצט נים געשטאַנען דאָ אַזוי רוהיג. זיי האָבען אַלזאָ ווידער אָנגעפאַנגען צו ריידען, און אַ היבשע ווײַלע איז אריבער. ער האָט גערעדט אַנדערש ווי איהר מאַן, דער פּאַסטאָר; ס׳האָט געקלונגען, עפּעס אַזוי

זוי עס וואָלט געקומען פֿון אַ גאַנץ אַנדערע הימעלס-געגענד, און אַז ער האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט און זיך אַריינגעלאָזט אין זיינע שעהנסטע פֿראַזען, זיינען די אויגען איהרע געוואָרען קיילעכדיג ווי די אויגען פֿון אַ שטיל האָרכענדער מיידעל.

„יאָ, יאָ, גאָט זאָל זיין מיט אייך!" האָט זי געזאָגט, בעת זי האָט זיך צוגעגרייט צו געהן.

„ער איז שוין מיט מיר," האָט ער געענטפֿערט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג: „אַזוי זיכער זייט איהר דערמיט? ווי אַזוי?"

„ער האָט דאָך אַ גרונד דערצו. געוויס איז ער גאָט איבער אַלע ברואים, איבער דער גאַנצער שעפּפֿונג; נאָר דאָס קען דאָך נים זיין קיין גרויסע זאַך, צו שפּיעלען די ראָלע פֿון גאָט איבער חיות און בערג. ערשט מיר מענשען מאַכען איהם ווירקליך צו דעם, וואָס ער איז. פֿאַרוואָס זאָל ער אַלזאָ נים זיין מיט אונז?"

און נאָכדעם ווי ער האָט אָט די פּראַכטפֿולע רעדע אַרויס-געשטעלט אין דער וועלט, האָט ראָלאַנדסען אויסגעזעהן גאַנץ צופֿריעדען. דעם פּאַסטאָר'ס פֿרוי האָט נאָכגעדיינקט איבער איהם, ווען זי איז אַוועק. אָהאָ, דער קליינער קאָפּ, וואָס ער האָט געטראָגען אויף די פּלייצעס, האָט נים סתם אַזוי צופֿעליג געמאַכט יענע ערפֿינדונג.

אָבער אָט איז אָנגעקומען דער קאָניאַק. ראָלאַנדסען האָט אַליין אַרויפֿגעטראָגען דאָס פֿעסעל פֿון ברעג; ער האָט גיט געמאַכט קיין אומוועג מיט זיין משא, ער האָט זי געטראָגען אין מיטען העלען טאָג אונטער זיין שטאַרקען אָרם. אַזוי מוטהיג איז ער געווען. און אַצונד איז געקומען אַ צייט, ווען ראָלאַנדסען האָט זיך אָבגערעכענט פֿאַר זיין גאַנצען שלים-מזל. און נעכט זיינען געווען, אין וועלכע ער פֿלעגט

אָנגעבען מעשים און איבעראַל שפּיעלען דעם בעל הבית, אי וועלכע ער פלעגט קעהרען וועלטען און פערשפּאַרען דעםן וועג פאַר די פרעמדע פישער, וואָס האָבען זיך ווי געהעריג נאָכגעיאָגט נאָך די מיידלאַך.

איין זונטאָג איז אַ קאָמפּאַניע פישער אַראָבגעקומען אין קירכע. די חברה־לייט זיינען אַלע געווען שכור. נאָך'ן גאָטעס־דיענסט האָבען זיי זיך ארומגעשלייעט אויף'ן וועג און זיינען ניט געפאָהרען צוריק אויף'ן שיף; זיי האָבען געהאַט בראַנפען מיט זיך, האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר אָנגע־שכור'ט און בעלעסטיגט די פערבייגעהער. אויבען אויף'ן וועג האָט דער פּאַסטאָר מיט זיי גערעדט, אָבער גאָרנישט אויסגעפיהרט; דערנאָך איז געקומען דער וואָיט, און דער האָט געטראָגען די מיץ מיט דעם גאָלדענעם ראַנד אויף'ן קאָפּ. דאָ זיינען עטליכע פון די חברה־לייט אַרויף אויף'ן שיף, אָבער דריי מאַן, צווישען זיי דער גרויסער אולריך, האָבען אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אָבטרעטען. מען זאָל נור ניט פערגעסען, אַז זיי זיינען אויף דער יבשה, האָבען זיי געשריען, די מיידלעך געהערען צו זיי. זיי האָבען אולריך'ן אין זייער קאָמפּאַניע, און אולריך האָט געהאַט אַ שם, איז בעקאַנט געווען אַזש פון די לאָפּאָטען און פון פינמאַרקען. זאָל מען אַקאָרשט קומען!

עס האָבען זיך פערזאַמעלט אַסך איינוואוינער פון דעם קירך־בעצירק, זיי זיינען געשטאַנען פון דער וויטען אויף'ן וועג אָדער געלעגען צווישען די בוימער אין וואַלד, לויט דעם וויפיעל מוטה זיי האָבען געהאַט, און מיט חשק געקוקט אויף דעם גרויסען אולריך, ווי ער האָט געמאַכט זיינע ווילדע שפּרונגען.

„נו בעט איך אייך, געהט אַרויף אויף'ן שיף," זאָגט דער וואָיט. „אַניט וועל איך מוזען אַנדערש ריידען מיט אייך."

„איהר טראָגט זיך אַקאָרשט אָב אַהיים מיט דער מיץ אייערער," ענטפּערט אולריך.

דער וואָיט האָט זיך מישב געווען, צו זאָל ער נעהמען אַ פּאָר פון זיינע לייט און בינדען דעם משוגע'נעם.

„דו היט זיך אַקאָרשט מיר צו ווידערשפּעניגען, ווען איך טראָג מיין אַמטס־מיץ אויף'ן קאָפּ," זאָגט דער וואָיט.

דאָ האָבען זיך אולריך און זיינע חברים אַזוי צולאַכט, אַז עס איז זיי ניט גוט געוואָרען און זיי האָבען זיך געמוזט האַלטען פאַר'ן בויך. אַ דרייסטער פישער־יונג איז פערביי־געגאַנגען, ער האָט געקריגען אַ זעץ מיט'ן קאָפּ און איז שטאַרק צושלאָגען געוואָרען. אולריך האָט געזאָגט: „ווער קומט איצט?"

„אַ בינד־רימען!" האָט דער וואָיט אַ געשריי געטהאָן, דערזעהענדיג בלוט. „אַ פּאָר פון אייך זאָלען אַריבערשפּרינגען און ברייננען אַ רימען. ער מוז געבונדען ווערען."

„וויפיעל זייט איהר דאָרט?" האָט געפרעגט אולריך דער אונבעזיעגבאַרער. און ווידער האָבען זיך די דריי פרעמדע געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

אָבער איצט איז דער הויבער ראָלאַנדסען אָנגעקומען אויבען אויף'ן וועג, און ער איז געגאַנגען מיט שטילע און שלעפּעדיגע טריט און האָט געהאַט גלעזערנע אויגען. ער איז געווען אויף זיין געוועהנליכען שפּאַציר. ער האָט בעגריסט דעם וואָיט און איז געבליבען שטעהן.

„אָט איז ראָלאַנדסען!" האָט אולריך אויסגעשריען. „קינדער, ווילט איהר זעהן ראָלאַנדסען'ן?"

דער וואָיט האָט געזאָגט: „ער איז שרעקליך ווילד. ער האָט נור וואָס איינעם צובלוטיגט. אָבער איצט וועלען מיר איהם בינדען מיט'ן בינד־רימען."

„מיט'ן בינד־רימען?"

דער וואָיט האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: „איך וויל עס מעהר ניט צוזעהן."

דאָס איז דומהייטען," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט; „וואָס טויג אייך אַזאַ רימען? איהר לאָזט מיך אַקאָרשט אַ שמועס טהאָן מיט איהם."

אולריך איז צוגעגאַנגען נעהענטער, האָט בעגריסט ראָלאַנדסען מיט אַ רשעות'דיגער מיענע און איהם דאַן דער־לאַנגט אַ זעץ. ער האָט נאַטירליך געשפּירט, אַז ער האָט זיך אָנגעריהרט אָן עפּעס פעסטעס און מאַסיווּעס, ער איז אָבגעטראָטען צוריק, האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו שרייען: „גוטען טאָג, טעלעגראַפּיסט ראָלאַנדסען! איך בעטיטעל דיך מיט'ן פולען נאָמען און לויט דיין פערדיענסט, כדי דו זאָלסט וויסען, ווער דו ביזסט."

און עס איז גאָרנישט געוואָרען דערפון. ראָלאַנדסען האָט די דאָזיגע געלעגענהייט צו אַ געשלעג אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון דער האַנד, און ס'האָט איהם פערדראָסען, וואָס ער גופא איז געווען אַזוי קלעגליך לאַנגזאָם און האָט ניט דערלאַנגט דעם ערשטען זעץ. ער האָט אַלזאָ געמוזט אָנהויבען ענטפערן דעם פרעמדען, כדי די זאַך צו האַלטען אין גאַנג. זיי האָבען געפלוידערט און גערעדט, ווי שכור'ע לייט ריידען, און אַריבערגעשטיגען איינער דעם אַנדערן אין בעריהמעריי; זיי האָבען ביידע געבלאָזט אויף נאָטען. אַז איינער האָט געזאָגט: „קום אַקאָרשט אַהער, איך וועל דיך אַזוי צוקאָרדאַשען, אַז...", האָט דער אַנדערער געענטפערט: „זעהר שעהן, דו וועסט גראַד אָנקומען אין צייט, אויב דו קומסט, אַ צוריבענעס וועל איך דיך צוריקשיקען."

און דער עולם אַרום און אַרום האָט געפונען, אַז עס איז גוט גערעדט געוואָרען אויף ביידע זייטען. בעת דער וואָיט האָט געזעהען, ווי דער צאָרן און די צופרידענקייט זיינען אַלץ

מעהר און מעהר נעוואַקסען אין דעם טעלעגראַפּיסט, האָט דער דאָזינער פּונדעסטוועגען אין מיטען דער בעריהמטריי געשמייכעלט.

אַצונד האָט איהם אולריך אַ שנעל געטהאָן אונטער דער נאָז, און ראָלאַנדסען איז געוואָרען אויסער זיך פאַר ענטציקונג, ער האָט אויסגעשטרעקט די פויסט און אָנגע־כאַפּט דעם פרעמדען ביי דער יאַק. אָבער ס'איז געווען אַ דורכפאַל, די יאַק האָט ניט אויסגעהאַלטען. ער האָט גע־מאַכט אַ פּאָר שפּרונגען הינטער דעם פרעמדען און פער־קריסט דאָס געזיכט און געשטשירעט מיט די צייהנער פאַר פערגעניגען. דאָ איז שוין יאָ עפּעס געוואָרען דערפון.

אַז אולריך האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טהאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ פאָראויס, האָט ראָלאַנדסען גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ספּעציאַליסט זיין געגנער איז אין דעם. אָבער ראָלאַנדסען איז געווען אַ ספּעציאַליסט, אַ מייסטער אין עפּעס אַנדערש: אין דעם לאַנג־אויסשטרעקענדען שווערען זעץ מיט דער פלאַכער האַנד אין דער קווער אויף'ן באַקען־ביין. דער זעץ מוז טרעפען דעם באַנק־ביין אָן דער זייט. דורכדעם קומט אַן אונגעהייערע צוטרייסלונג פון'ם קאָפּ, אַלעס הויבט זיך אָן דרעהען ווי אין אַ ווירבער, און מען פאַלט אַנידער אויף דער ערד. מען צוברעכט זיך גאָרנישט, און עס פליסט ניט קיין בלוט, נור אַביסעל ביים מויל און ביי דער נאָז. אַ ווײלע בלייבט מען ליגען אויף אַן אָרט.

פלוצלונג האָט עס געטראָפען דעם גרויסען אולריך, און ער האָט זיך אָוועקגעקאַטשעט אַ שטיק ווייט, ביז איבער'ן וועג אַריבער. זיינע פיס האָבען זיך איינגעבויגען, זיי זיינען צוזאַמענגעפאַלען אונטער איהם, אַזוי ווי זיי וואָלטען אָבגע־שטאָ־בען, דער ווירבער דער קאָפּ־שווינדעל האָט איהם גע־פּאַקט און ראָלאַנדסען איז געווען גוט בעהאַוועט אין דער

שפראַך פֿון די וואוילע יונגען, און ער האָט געזאָגט: „איצט דער נעקסטער!“ ער האָט אויסגעקוקט אַזוי צופֿריעדען און האָט גאָרנישט געוואוסט דערפֿון, אַז זיין העמד איז אויבען ביים האַלז אויפֿגעריסען.

דער נעקסטער אָבער האָט געדאַרפֿט זיין אולריך'ס פֿריינד. זיי זיינען איצטביידע געבליבען שטיל און דערשלאָגען און האָבען זיך שוין מעהר ניט געהאַלטען ביים בויך פֿאַר געלעכטער.

„קינדער זייט איהר דאָך,“ האָט ראָלאַנדסען געשריען צו זיי. „צורייבען וואָלט איך אייך געקענט.“

דעם וואָיט האָט זיך איינגעגעבען איבערצוריידען די צוויי פֿרעמדע, זיי זאָלען אויפֿהויבען זייער חבר און איהם אַרויספֿיהרען אויף'ן שיף, אויף אַ נייטראַלען געביעט. ראָלאַנדסען'ן האָט ער געזאָגט: „איך מוז אייך דאַנקען פֿאַר אייער מיה.“

נאָר אַז ראָלאַנדסען האָט געזעהן, ווי די דריי פֿרעמדע דערווייטערן זיך מאַקע און געהען אַוועק פֿון דעם פּלאַץ, איז דאָס געווען אַזוי ווייניג נאָך זיין זינן נאָך, אַז ער האָט זיי ביז דער לעצטער רגע נאָכגעשריען: „קומט מאָרגען אָבענד נאָך אַמאָל. ברעכט אוים אַ שויב אויף דער סטאַנציע, דאָס וואָלט איך פֿערשטאַנען. איהר וואוילע יונגען וואָס איהר זייט!“

ווי געוועהנליך האָט ער געמאַכט אַ צו גרויסען ווּזען דערפֿון, ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו פּלוידערן און זיך בעריהמען מיט זיין העלדישקייט. נאָר די צושויער זיינען זיך אַוועק זייער וועג. פּלוצלונג קומט צו אַ דאַמע צו ראָלאַנד־סען'ן און קוקט איהם אָן מיט בליצענדע אויגען און גיט איהם די האַנד. דעם פּאַסטאָר'ס פֿרוי איז עס. זי איז גע־ווען דערביי, זי אויך.

„ס'איז ווירקליך געווען גרויסארטיג," האָט זי געזאָגט.
„ער וועט אייך האָבען צו געדענקען."

זי האָט געזעהן, אַז זיין העמד איז געווען אָפֿען. די זונן האָט אַרומגעברענט אַ ברוינעם רינג אַרום זיין האַלז, און אונטער דעם איז ער געווען נאַקעט און וויים.

ער ציהט צונויף זיין העמד און גריסט. ער האָט הנאה דערפֿון, וואָס דעם פּאַסטאָר'ס פֿרוי גיט זיך פֿאַר אַלעמען אין די אויגען אָב מיט איהם; דער זיגער פֿון דעם געשלעג בלאָזט פֿון זיך פֿאַר שטאָלץ; ער געפֿינט, אַז ער קען דעם קינד דאָ זאָגען אַ פּאָר פֿריינדליכע ווערטער. די אָרעמע פֿרוי; די שיך, אין וועלכע זי איז געגאַנגען, האָבען זיך שוין ווירקליך מעהר ניט געהאַלטען אויף די פֿיס, און מיט צוי־ פֿיעל נינסטינקייט האָט זי זיך, ווייזט אויס, איבערהויפּט ניט אָנגעזעהן.

„מיסברויכט ניט אָט די אויגען, מיך אָנצוקוקען," האָט ער געזאָגט.

דערפֿון איז איהר די פֿאַרב געקומען אין די באַקען.

ער האָט געפֿרעגט: „איהר בענקט געוויס נאָך דער שטאָדט ?"

„אָה ניין," האָט זי געענטפֿערט, „אויך דאָ איז גוט. הערט אויס, וואָלט איהר ניט געקענט מיטגעהן איצט און זיין היינט ביי אונז ?"

ער האָט געדאַנקט, ער קען ניט. דער ביוראָ איז אָפֿען, זונטאָג ווי מאָנטאַג. „דאָך דאַנק איך אייך," האָט ער געזאָגט. „פֿאַרהאַן איין זאַך, וואָס איך פֿערגין ניט דעם פּאַסטאָר, דאָס זייט איהר."

„וואָס. . .?"

„העפֿליך, אָבער בעשטימט מוז איך אייך זאָגען, אַז איך פערגין עס איהם ניט."

נאַ, אָט איז עס אַלזאָ געשעהן. מען וואָלט זיך געדאַרפט אויסזוכען זיין גלייכען, ווען עס געהט אין דעם אויסצושטרייען אַביסעל פרייד אַרום און אַרום.

„איהר זייט א שפּאַס-פויגעל,“ האָט זי געענטפערט, ווען זי איז ווידער געקומען צו זיך.

אָבער אויף׳ן וועג אַהיים האָט זיך ראָלאַנדסען איבער-לייגט, אַז אַרום און אַרום האָט ער היינט געהאַט אַ גוטען טאָג. אין זיין רויש און זיין שטאָלצער שטימונג אַלס זיעגער האָט ער זיך אָנגהויבען מאַכען געדאַנקען דערפון, וואָס די יונגע פּאַסטאָרין האָט זיך אַזוי אָפּט אָבגעגעבען מיט איהם; ער איז געוואָרען כיטרע, ער איז געוואָרען קלוג: וואָלט זי אַקאָרשט ניט געקענט אַוועקשיקען די יונגפרוי וואַן לאָאָז און איהם בעפרייען פון זיינע ביטערע קייטען. ער דאַרף עס ניט דוקא פאָדערן; ניין, ניין, אָבער עס זיינען דאָ אַנדערע וועגען. ווער וויים, פיליכט וועט זי איהם טהאָן די טובה, אַז זיי זיינען דאָך איצט געוואָרען גוטע פריינד.

VIII.

אַ געזאַנג וועקט אויף די פּאַסטאָר־לייט אין מיטען נאַכט. קיינמאָל האָט זיך זיי אַזוינס ניט געטראָפען. דאָס געזאַנג קומט אַרויף פון אונטען, פון הויף, די זונן בעשיינט די וועלט, די טשאַיקע איז שוין אויף, דער זייגער איז דריי.

„איך מיין, איך הער אַ געזאַנג,“ זאָגט דער פּאַסטאָר זיין פרוי אין צימער אַריין.

„דאָ ביי מיין פענסטער איז עס,“ ענטפערט זי.

זי האָט זיך צוגעהערט. זי האָט אַזוי גוט דערקענט די שטימע פון דעם ווילדען ראָלאַנדסען און געהערט זיין ניטאָרע דאָרט אונטען; ער איז ווירקליך געוועזן שוין צו דרייסט, אָט האָט ער אַלזאָ געזונגען פון זיין זים מיידעל, און גראָד צו איהר אַרויף. די פרוי האָט געגליהט פאַר אויפרעגונג.

דער פּאַסטאָר איז אַריינגעקומען און האָט אַ קוק געטהאָן דורך'ן פענסטער. „טעלעגראַפיסט ראָלאַנדסען איז דאָס, ווי איך זעה,“ האָט ער מיט אַ פּע־קנייטשען שטערן געזאָגט. „ער האָט ניט לאַנג צוריק געקריגען אַ האַלב פעסעל קאָניאַק. ס'איז איינפאַך אַ שאַנדע מיט דעם מאַן.“

אָבער די פֿרוי האָט נים געקוקט אזוי פֿינסטער אויף דער קליינער פּאַסירונג. אָט דער גרויסאַרטיגער טעלעגראַפֿיסט האָט זיך געקענט אַרומרייסען ווי אַ לאַסט־טרעגער און זינגען ווי אַ פֿון גאָט געבענשטער יונגעל; ער האָט אַריינגעבראַכט פֿיעל אָבוועקסלונג אין דאָס שטילע לעבען און אין די בעשיידענע לעבענסלאָזע מענשען.

„עס מוז אוּדאי זיין אַ סערנאַדע,‟ האָט זי געזאָגט און זיך צולאַכט.

„וועלכע דו קענסט, פֿערשטעהט זיך, נים אָנגעהמען,‟ האָט געענטפֿערט דער פּאַסטאָר. „אָדער וואָס איז דיין מיינונג דעריבער?‟

שטענדיג האָט ער געהאַט עפּעס, אָן וואָס זיך צוצושטעפּען! זי האָט געענטפֿערט: „נו, אזוי געפֿעהרליך איז די זאַך נים. ס׳איז אַ קליינער פֿרעהליכער שפּאַס פֿון זיין זייט, ווייטער גאָרנישט!‟ נאָר ביי זיך גופא האָט זיך די גוטע פֿרוי געט־אַכט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל מעהר נים מאַכען ראָלאַנדסען׳ן קיין שעהנע אויגען און איהם קיינמאָל מעהר נים טרייבען צו פֿערריקטע שטיק.

„זעה, ער הויבט דאָך ווירקליך אָן אַ ניי ליעד!‟ שרייט אויס דער פּאַסטאָר. און ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער, אָט ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, און האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער שויב.

ראָלאַנדסען האָט אַרויפֿגעקוקט. דאָס איז געווען דער פּאַסטאָר, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, דער פּאַסטאָר בכבודו ובעצמו. דאָס געזאַנג האָט אויפֿגעהערט. ראָלאַנדסען איז אַריינגעקומען אין גרויסער פֿערלעגענהייט, געבליבען שטעהן אַ ווײלע אַ צוטומעלטער און איז דאַן אַרוים פֿון הויף.

דער פּאַסטאָר האָט געזאָגט: „נאַ, אַצונד וועט ער אונז

צורוה לאָזען!" ס'האָט איהם אמת הנאה געטהאָן, וואָס ער האָט דורך זיין בלויזען ווייזען זיך אַזוי פיעל אויסגעפיהרט.
„און איצט וועט ער מאָרגען נאָך קריגען אַ בריעף פון מיר," האָט ער געזאָגט; „איך האָב שוין לאַנג אַן אויג אויף איהם צוליעב זיין אונאַנשטענדיגער אויפפיהרונג."

„קען איך עס איהם ליעבערשט ניט זאָגען, אַז מיר ווילען ניט האָבען זיין געזאַנג אין מיטען נאַכט?"

דער פאַסטאָר האָט ווייטער גערעדט, ניט אומקוקענדיג זיך אויף זיין פרוי'ס פאָרשלאַג. „און נאָך'ן בריעף וועל איך אַליין אַריבערגעהן צו איהם און ריידען מיט איהם!" די לעצטע ווערטער האָט דער פאַסטאָר געזאָגט מיט אַ שטאַר־קער בעטאָנונג. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז עס מוז געשעהען ווער ווייס וואָס, ווען ער וועט געהן צו ראָלאַנדסען.

ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו זיך אין צימער און לינענדיג ווייטער נאָכגעדענקט. ער וועט איהם לחלוטין ניט שאַנעווען, אָט דעם לייכטזיניגען און פערריקטען חברה־מאַן, וואָס האָט אָנגעגעבען אַזעלכע מעשים און געמאַכט דעם גאַנצען קירך־בעצירק אונזיכער מיט זיינע פרייע מאַניערען. דער פאַסטאָר האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען די לייט, נאָר פונאַנדערגעשיקט זיינע בריעף צו קליין און גרויס און געלערנט מיט יעדען איינעם דרך ארץ. עס האָט געמוזט דאָ ליכטיג ווערען אין דער דאָזיגער פער'חשך'טער געמיינדע. נאָך האָט ער ניט פערגעסען אָן דעם געהילף לעוויאָן'ס שוועסטער. זי האָט זיך ניט געבעסערט, און דער פאַסטאָר האָט מעהר דעם ברודער איהרען ניט געקענט אָנהאַלטען אַלס געהילף. לעוויאָן'ן האָט געטראָפען אַן אונ־גליק, זיין פרוי איז געשטאָרבען; אָבער שוין ביים בעגרע־בעניש האָט איהם דער פאַסטאָר דערטאַפּט. ס'איז געווען אַ מורא'דיגע געשיכטע, די האָר האָבען זיך דערפון געשטעלט

דיבאָס. בעת דער גוטער געהילף האָט געדראָפּט ברייננען זיין ווייב צו קבורה, איז איהם אַרויף אויף'ן זינען, אַז ער האָט צוגעזאָגט פרידריך מאַק אין דער פאַבריק, איהם צו ברייננען אַ געקוילעט קאַלב. נו איז דאָס געווען אַ י י ן וועג, די טעג זיינען שוין אויך ניט געווען אַזוי קיהל, צו לאָזען ליגען דאָס פלייש, ווערום האָט ער דאָס געקוילעטע קאַלב מיטגענומען מיט זיך צו דער לויה. דער פאַסטאָר האָט געקראָגען צו וויסען פון דער זאַך דורך ענאָך'ן, דעם זעהר עניוות'דיגען מאַן מיט די קראַנקע אויערען, און גלייך האָט ער געשיקט רופען לעוויאַן'ן צו זיך.

„איך קען דיך לענגער ניט האַלטען אַלס געהילף," האָט דער פאַסטאָר געזאָגט. „דיין שוועסטער ליגט און זינדיגט אין דיין הויז, און דו גיסט ניט אַכטונג, דו ליגסט און שלאָפסט ביינאַכט, ווען אַ מאַן קומט צו דיר אין הויז."

„ליידער," האָט געענטפערט דער געהילף, „אַזוי געהט עס ווירקליך צייטענווייז."

„ס'קומט נאָך אַ צווייטע זאַך דערצו: דו ברייננסט דיין ווייב אין קבר, און דו נעהמסט דערביי מיט אַ טויט קאַלב. לאָזט זיך דאָס אַלעס פערטהיידיגען?"

דאָ אָבער האָט דער פיש-בויער אויסגעשטעלט אויף דעם פאַסטאָר אַ פאָר פערוואונדערטע אויגען, ער האָט איהם ניט אָנגעהויבען פערשטעהן און געפונען, אַז ער איז אונגערעכט. זיין זעליגע פרוי איז געווען אַ טהעטיגע, אַרביטזאַמע זעעלע; ווען זי קען נור, וואָלט זי געווען די ערשטע איהם צו דערמאָנען, ער זאָל מיטנעהמען דאָס קאַלב מיט זיך. ס'איז דאָך איין וועג, וואָלט דאָס זעליגע מענשען-קינד געזאָגט.

„אויב דער העררר פאַסטאָר נעהמט עס אַזוי אויף'ן האַר, וועט איהר ניט קריגען קיין אָרענטליכען געהילף," האָט לעוויאַן געזאָגט.

„דאָס איז מיין זאַך," האָט דער פּאַסטאָר געענטפערט. „אָבער דו ביסט ענטזאָגט פון דיין אַמט."

לעוויאַן האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען. גיטאָ וואָס צו ריידען, דאָס איז פאר איהם אַ שמאַך און אַ שאַנר, זיינע שכנים וועלען געווים אָנקוועלען דערפון

דער פּאַסטאָר איז געוועזען אויפגעבראַכט. „אָבער אום גאָטעס ווילען," האָט ער געזאָגט, „קענסטו דו דיין שוועסטער זאָגאַ־ ניט ברייננגען דערצו, זי זאָל מיט דעם מאַן היי־ ראַטען ?"

„דער הער־ פּאַסטאָר מעג מיר גלויבען, אַז איך האָב עס געפּרואווט !" האָט לעוויאַן געענטפערט. „אָבער זי איז גאָר ניט זיכער, ווער עס איז."

דע־ פּאַסטאָר רייסט אויף דאָס מויל : „וואָס איז זי ניט...?" און אַז ער פע־שטעהט ענדליך, קלאַפּט ער צו־ זאַמען די הענד. דאַן טהוט ער אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ : „ווי געזאָגט, איך וועל זיך נעהמען אַן אַנדער געהילף."

„ווער וועט עס זיין ?"

„איך וואָלט עס דיר ניט נעדאַרפט זאָגען. נאָר ענאָך וועט עס זיין."

א היבשע ווילע האָט דער בויער נאָכגעדענקט. דעם נפש האָט ער געקענט, ער האָט געהאַט אַ פּאָר עסקים מיט ענאָך'ן. „ענאָך וועט עס זיין !" ער האָט מעהר גאָרנישט געזאָגט און איז זיך אַוועק.

און ענאָך וועט פע־נעהמען זיין פּלאַץ. ער איז אַ טיעפע נאַטור, קיינמאָל האָט ער ניט געטראָגען דעם קאָפּ אין דער הויך, נאָר אַראָבגעבויגען אויף דער ברוסט און האָט גענומען אַלעס ערנסט. מען האָט זיך געשושקעט צווישען זיך, אַז אַלס קאַמעראַד אויף'ן ים איז ער ניט קיין עהרליכער מענש ; מיט פיעל יאָהרען צוריק זאָל מען איהם האָבען

געכאַפּט דערביי, ווי ער האָט געצויגען פּרעמדע שנירלעך. אָבער דאָס איז געווים געוועזן נור קנאה און פּערליימדונג. אויסערליך איז ער, אמת, ניט קיין גראף און קיין באַראָן, דאָס דאָזיגע טוך אַרום די אויערן מאַכט איהם פּאַר אַ פּער־זעהעניש. אַחוץ דעם האָט ער נאָך די געוואוינהייט, אַז ער טרעפּט אימיצען אויף׳ן וועג, אַרויפּצוּלייגען די פינגער אַפּריהער אויף איין נאָז־לאָך און דערנאָך אויף דאָס אַנדערע און צו בלאָזען. אָבער גאָט קוקט זיך ניט אום אויף די אויסערליכע געשטאַלט, און אָט דער אָרימער דיענער זיינער ענאָך האָט אַוודאי די גוטע אַבזיכט, זיך אַביסעל צו פּוּצען, איידער ער בעגעגענט זיך מיט מענשען. אַז ער קומט אַריין אין אַ הויז, זאָגט ער: „פריעדען מיט אייך!" און אַז ער געהט אַוועק: „דער פריעדען זאָל פון אייך ניט אָבגעטהאָן ווערען! אַלעס, וואָס ער טהוט, איז גרינדליך דורכגעטראַכט. אַפילו דאָס גרויסע שניצמעסער, וואָס הייגגט אַראָב פון זיין גאַרטעל, טראָגט ער אויך מיט אַ דאַנקבאַרער מיענע, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: פּאַרהאַן ליידער מעהר ווי איינער, וואָס האָט אַפּילו קיין מעסער ניט צום שניידען. אין׳ם לעצטען אָפּפער־טאָג האָט ענאָך געמאַכט אַ רושם מיט זיין גרויסער מתנה, ער האָט אַוועקגעלייגט אַ באַנקנאָט אויף׳ן אַלטאַר. צי האָט ער די לעצטע צייט אַזוי פיעל מזומנים פּערדיענט? ווער וויים, ס׳קען דאָך געמאָלט זיין, אַז אַ העכערע מאַכט האָט צוגעלייגט איהר מתנה׳לע צו זיינע שילינגס. על כל פנים, אין מאַק׳ס קראָם איז ער גאָרנישט שולדיג, זיין פיש־געשטעל איז ניט בעשעדיגט, זיין פּאַמיליע געהט גוט אָנגעטהאָן. אין דער הי׳ם פיהרט ענאָך דאָס שטרייננסטע לעבען, גיט גוט אַכטונג אויף די זייניגע. ער האָט אַ זוהן, אַן אמת׳ער מוסטער פון גוטער, מילדער בענעהמונג. דער יונג איז אַרויסגעפּאָהרען צו די לאָפּאָטען,

כאַפּען פיש, אַזוי אַז ער האָט געהאַט אַ רעכט צוריקצוקומען אַהיים מיט אַ בלויען אַנקער אויף דער האַנד, נאָר ער האָט עס ניט געטהאָן. בעצייטענס האָט איהם דער פּאַטער זיינער געלערנט צו זיין אַ גאָטספאָרכטיגער און עניוות'דיגער מענש. געבענשט איז דער, וואָס געהט זיך שטיל און מיט אַ גע־בויגענעם קאָפּ זיין וועג, האָט ענאָך געזאָגט.

בעת דער פּאַסטאָר איז געלעגען און דאָס אַלעס גע־טראַכט, איז דערווייל געוואָרען גרויסער טאָג. אָט דער קלעגליכער טעלעגראַפיסט ראָלאַנדסען האָט איהם צושטערט די רוה פון דער נאַכט, שוין אַרום זעקס אַזייגער איז ער אויפגעשטאַנען. דאָ איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז זיין פרוי האָט זיך שטילערהייט אָנגעטהאָן און איז שוין אַרויסגעגאַנגען אין גאַס.

שפּעטער אין פערלויף פון'ם פאָרמיטאָג, איז די פרוי אַרויף צו דעם טעלעגראַפיסט ראָלאַנדסען און האָט געזאָגט: „איהר דאַרפט אונז מעהר גאָרנישט פאָרזינגען אין מיטען נאַכט."

„איך זעה איין, אַז איך האָב זיך ניט ריכטיג בענומען," האָט ער געזאָגט. „איך האָב גערעכענט צו געפינען די יונג־פרוי וואַן לאָאָז. נאָר זי האָט זיך אַריבערגעצויגען."

„איז אייער געזאַנג אַלזאָ געווען פאַר דער יונגפרוי?"

„יאָ. ס'איז בלויז געווען אַ קליינער, ניט געראָטענער מאָרגען־געזאַנג."

„דאָס מאָל בין איך געלעגען אין דעם צימער," האָט די פרוי געזאָגט.

„פריהער פלעגט די יונגפרוי דאָרט ליגען, אין דער צייט ווען דער פריהערדיגער פּאַסטאָר איז דאָ געווען."

די פרוי האָט מעהר קיין סך ניט גערעדט, איהרע אויגען זיינען געוואָרען דום און אָהן אַ שום גלאַנץ.

„יאָ, יאָ, איך דאַנק אייך,“ האָט זי געזאָגט, בעת זי האָט זיך געלאָזט גערן, „ס'האָט גאַנץ שעהן געקלונגען, אָבער איהר דאַרפט עס מעהר ניט טהאָן.“

„איך פערשפרעך עס אייך. ווען איך האָב אַן אַהנונג... וואָלט איך זיך נאַטירליך ניט גענומען אַזוי פיעל דרייסט־קייט...“ ראָלאַנדסען האָט אויסגעקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען איינזינקען אין דער ערד.

אַז די פרוי איז געקומען אהיים, האָט זי געזאָגט: „איך בין ווירקליך גאַנץ שלעפע־יג היינט.“

„וואָס איז דער וואונדער?“ האָט געענטפערט דער פאַסטאָר. „דו האָסט דאָך די נאַכט קיין אויג ניט צוגע־מאַכט צוליעב דעם שרייער.“

„דאָס בעסטע וועט זיין, אַז איך וועל אַוועקשיקען די יונגפרוי,“ האָט די פרוי געזאָגט.

„די יונגפרוי?“

„דו ווייסט דאָך, ער איז מיט איהר פערלאָבט. מיר וועלען קיין רוה ניט האָבען ביינאַכט.“

„איך וועל איהם היינט שרייבען אַ בריעף.“

„דאָס איינפאַכסטע וואָלט דאָך געווען, ווען די יונגפרוי פאָהרט אַוועק.“

דער פאַסטאָר אָבער האָט זיך געטראַכט, אַז דאָס איז דורכאויס ניט דאָס איינפאַכסטע, וואָרים דער איבערבייט וועט איהם פערשאַפען גרעסערע אויסגאַבען. אַחוץ דעם איז יונגפרוי וואַן לאָאָז געווען זעהר טיכטיג; אָהן איהר וועט קיין זאַך ניט זיין אין אָרדנונג. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ס'איז צוגעגאַנגען אין אָנפאַנג, ווען זיין פרוי האָט אַליין געוואָלט פיהרען די ווירטשאַפט, יאָ דאָס האָט ער קיינמאָל ניט פערגעסען.

„וועמען ווילסט דו נעהמען אויף איהר אָרט ?" האָט ער געפרעגט.

די פרוי האָט געענטפערט: „איך וועל ליעבערשט אַליין טהאָן די אַרבייט."

דאָ האָט דער פּאַסטאָר אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ ביטערן געלעכטער און געזאָגט: „נו יאָ, דאַן וועט די אַרבייט גע־טהאָן ווערן!"

פערלעצט און געקרענקט האָט די פרוי געזאָגט: „איך האָב דאָך די גאַנצע צייט סיי ווי סיי קיין אַנדער ברירה ניט, נור מיטצוהעלפען אין דער הויז־ווירטשאַפט. אַ שפּאַס וואָס די יונגפרוי טהוט זיך איבער!"

דער פּאַסטאָר האָט געשוויגען. ס'האָט קיין זינן ניט געהאַט ווייטער צו ענטפערן, איין גאָט האָט געמענט העלפען! „די יונגפרוי קען ניט אַוועקפאָהרען," האָט ער געזאָגט. אָבער זיין פרוי איז געזעסען, דאָרט מיט איהר געפּלאַצטען שוך, אַז עס איז איינפאַך געוועזען אַ יאָמער אַ קוק צו טהאָן, און איידער ער איז אַוועק האָט ער געזאָגט: „מיר מוזען ווירקליך זעהן דיר צו שאַפען אַ פּאָר שיך, אַזוי גיך ווי מעגליך."

„אָך, ס'איז דאָך זומער," האָט זי געענטפערט.

IX.

די לעצטע פישער-שיפלעך ליגען פארטיג צום זעגלען, דער פאנג איז געענדיגט. דער סוחר מאק האט אבגעקויפט די גאנצע הערינג, וואס ער האט נור געקענט קריגען, און קיינער האט נים געהערט, אז זיינע צאהלונגען זאלען זיך ווען האבען אבגעשטעלט; נור דעם לעצטען פישער האט ער געבעטען ווארטען א פאר טעג, ביז ער וועט טעלעגראפירען קיין דרום נאך געלד. אבער דא האט דער עולם גלייך אונטערגעמורמעלט: „אהא, ער איז אריינגעקראכען אין א ריכטיגער בלאטע.”

אבער קויפמאן מאק איז געווען אזוי מעכטיג ווי פריהער. אין סאמע מיטען פון זיינע איבעריגע געשעפטען האט ער דעם פאסטארם פרוי צוגעזאגט א בעקעריי,— און ווירקליך, די בעקעריי האט געמאכט פארטשריטען, די ארבייטער זיינען געקומען, דער יסוד, דער גרונד-מויער איז אויפגעשטעלט געווארען. די פרוי האט געהאט אן אמת'ן פערגניגען דערפון, ארויסצוגעהן און צוקוקען, ווי איהר בעקעריי איז געוואקסען אין דער הויך. אבער איצט האט מען געזאלט אנהויבען די געביידע גופא, און דערצו האט מאק געמוזט האבען אנדערע ארבייטער; ער האט אויך נאך זיי טעלעגראפירט, האט מאק געזאגט.

נאָר אַצונד האָט איך דער בעקער, וואָס האָט געוואוינט ביים וואָיט, אָנגעגורט זיינע לענדען. וואָס דעם פּאַסטאָרס בריעף האָט ניט אויפֿגעטהאָן, דאָס האָט אויפֿגעטהאָן מאַק'ס גרונד־מויער. „עס וועט שוין זיין ברויט צו קריגען, איב דער עולם וויל טאַקע באמת ברויט," האָט דער בעקער געזאָגט. נאָר דער עולם האָט זעהר גוט פֿערשטאַנען, אַז דער אָרעמער מאַן צאַפּעלט זיך אומזיסט, איצט וועט איהם מאַק דערשטיקען.

ראָלאַנדסען זיצט ביי זיך אין קאַמער און שטעלט צוזאַמען אַ מאָרנעם פּלאַקאַרד מיט אַן אונטע־שריפֿט פֿון זיין אייגענער האַנד. ער לייענט עס דורך עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד און געפֿינט, אַז עס איז ריכטיג. דאַן לייגט ער עס אַריין אין טאַש, נעהמט זיין הוט און געהט אַרויס פֿון צימער. ער לאָזט זיך אַוועק אויף ן וועג צו מאַק'ס פֿאַבריק־קאַנטאָר.

ראָלאַנדסען האָט געוואַרט און געוואַרט, אַז יונגפֿרוי וואַן לאָאָז זאָל אַוועקפֿאָהרען, אָבער זי איז ניט אַוועקגעפֿאָהרען, דעם פּאַסטאָר'ס פֿ־וי האָט איהר גאָר ניט געגעבען צו וויסען, אַז זי וועט דאַרפֿען פֿערלאָזען איהר שטעלע. ראָלאַנדסען האָט פֿאַלש גערעכענט, ווען ער האָט געהאָפֿט, אַז די פֿרוי וועט איהם אַ טובה טהאָן, ער האָט צוריקגעקריגען זיין געזונדען פֿערשטאַנד און זיך געטראַכט: מיר וועלען זיך האַלטען אָן דער ערד, מיר האָבען אַלזאָ קיינעם פֿון וועג ניט אַראָבגעפֿיהרט.

דערפֿאַר אָבער האָט ראָלאַנדסען געקריגען פֿון פּאַסטאָר אַ בריעף פֿול מיט ערנסטע און שטראָפֿענדע רייד. ראָלאַנדסען האָט זיך ניט בעהאַלטען דערמיט, האַט עס דערצעהלט אַלעמען, גרויס און קליין. ער האָט דעם בריעף כשר פֿערדיענט, האָט ער געזאָגט, דער בריעף האָט איהם גוט געטהאָן; אויסערדעם האָט קיין פּאַסטאָר טאַקע ניט גענומען

קיין שום אינטערעס אין איהם זינט זיין קאָנפירמאַציאָן. יאָ, ראָלאַנדסען איז געגאַנגען אַזוי ווייט און האָט געזאָגט, אַז דער פּאַסטאָר וואָלט געמוזט פונאַנדערשיקען אַסך אַזעלכע בריעף צו דער פרייד און דערהויבונג פון יעדען איינעם.

נאָר דאָס האָט קיינער ניט געקענט בעמערקען אויף דעם טעלעגראַפּיסט ראָלאַנדסען, אַז ער זאָל גראָד אין דער לעצטער צייט זיין אַזוי פרעהליך און אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, אדרבה, ער האָט זיך איצט מעהר געגריבעלט ווי ווען עס איז און ס'איז קענטיג געווען, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט בעזונדערע געדאַנקען. „זאָל איך עס טהאָן, אָדער זאָל איך עס ניט טהאָן?" פלעגט ער מורמלען. נאָר אַז זיין געוויסען כלה האָט איהם היינט גלייך אין דער פריה אָבגעשטאַטעוועט און איהם ווידער זויער געמאַכט דאָס לעבען מיט דער נארישער סערענאַדע אין פּאַסטאָר־הויף, דאַ האָט ער זי פערלאָזען מיט די פיעל בעדייטענדע ווערטער: „איך טהו עס."

ראָלאַנדסען געהט אַריין צו מאַק'ן אין קאַנטאָר און גריסט. ער איז פּאָלקאָם ניכטער. פּאָטער און זוהן שטעהען יעדער איינער אויף זיין זייט שרייב־טיש און שרייבען. דער אַלטער מאַק באָט איהם אָן אַ שטוהל, אָבער ראָלאַנדסען זעצט זיך ניט, ער זאָגט:

„איך בין נור געקומען צוליעב אָט וואָס: איך האָב דאָס בעגאַנגען די גנבה ביי אייך."

פּאָטער און זוהן קוקען זיך אָן פערוואונדערט.

„איך קום זיך אויסגעבען," זאָגט ראָלאַנדסען. „ס'איז ניט פיין פון מיר, נאָך לענגער צו שווייגען; ס'איז שוין אָהן דעם אויך שלעכט גענוג."

„לאָז אונז אַליין," זאָגט דער אַלטער מאַק.

פרידריך געהט אַרויס פון צימער.

מאַק האָט געפֿרעגט: „ווייס איהר היינט ביי אייערע ריכטיגע געדאַנקען?"

„איך האָב עס געטהאָן," שרייט ראָלאַנדסען. און ער האָט געהאַט אַ שטימע, וואָס האָט געקלונגען ווי געזאַנג און קרעפֿטיגע רעדע.

אַ ווײלע געהט פֿערביי. מאַק פֿינטעלט מיט די אויגען און דענקט נאָך. „איהר האָט עס געטהאָן, זאָגט איהר?"

„יאָ."

מאַק האָט ווייטער נאָכגעדענקט. זיין שטאַרקער מוח האָט מעהר ווי איין אויפֿגאַבע אין זיין לעבען געלייזט, ער איז געוואוינט געוועזען אַ זאַך שנעל צו בערעכענען.

„וועט איהר מאָרגען אויך זאָגען דאָסזעלבע?"

„יאָ. פֿון איצט אָן דענק איך שוין מעהר ניט צו פֿער־שווייגען מיין טהאַט. איך האָב געקראָגען אַ בריעף פֿון דעם פאַסטאָר, דערום בין איך גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען."

צי האָט מאַק אָנגעהויבען גלויבען דעם טעלעגראַפֿיסט? אָדער ער האָט זיך נור לפנים וועגען ווייטער אַריינגעלאָזט מיט איהם?

„ווען האָט איהר בעגאַנגען די גנבה?" האָט ער גע־פֿרעגט.

ראָלאַנדסען האָט אָנגערופֿען די נאַכט.

„ווי אַזוי האָט איהר עס געמאַכט?"

ראָלאַנדסען האָט בעשריבען גענוי אויף'ן האָר, ווי ער האָט אָבגעטהאָן די אַרבייט.

„אין קאַסטען זיינען געלעגען אַ פּאָר פּאַפּירען ביי די באַנקנאָטען, האָט איהר זיי געזעהן?"

„יאָ. עס זיינען געוועזען דאָרט אַ פּאָר פּאַפּירען."

„איהר האָט איינס פֿון זיי מיטגענומען מיט זיך; וואָז האָט איהר עס?"

„איך האָב עס ניט. אַ פּאַפּיר? ניין."

„ס'איז געווען מיין לעבענס־פערזיכערונגס־פּאָליסע."

„אַ לעבענס־פערזיכערונגס־פּאָליסע, ריכטיג, איצט דער־מאָן איך זיך. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב זי פערברענט."

„ווירקליך? אָבער דאָס איז געווען אַן אונרעכט פון אייך, ס'האָט מיר געקאָסט פיהל מיה צו קריגען אַן אַנדערע."

ראָלאַנדסען האָט געזאָגט: „איך בין געווען אַזוי צו־טומעלט, כ'האָב ניט געקענט פּאַסען קיין איין קלאָהרען געדאַנק. איך בעט אייך, מיר אַלעס צו פערצייהען."

„ס'איז דאָ געווען נאָך אַ קאַסטען מיט עטליכע טויזענד טהאַלער, פאַרוואָס האָט איהר דעם ניט גענומען?"

„איך האָב איהם ניט געפונען."

מאַק האָט געענדיגט זיין בערעכנונג. צי דער טעלע־גראַפיסט האָט בעגאַנגען די טהאַט צי ניט, פאַר מאַק'ן איז ער על כל פנים געווען דער אויסגעצייכענטסטער גנב, וואָס ער האָט איבערהויפּט געקענט קריגען. ער וועט די זאַך געוויס ניט פערשווייגען, נאָר אדרבה, זי דערצעהלען יעדען איינעם, וועמען ער וועט נור טרעפען; די לעצטע פישער וועלען מיטנעהמען די נייעס מיט זיך און זי איבערגעבען די סוחרים אין דערהיים איבער דער גאַנצער געגענד. און מאַק וועט זיין אַ געראַטעוועטער.

„איך האָב ביז איצט קיינמאָל ניט געהערט, אַז איהר געהט אַרום צווישען די לייט... אַז איהר טהוט אַזעלכע זאַכען," האָט ער געזאָגט.

אויף וואָס ראָלאַנדסען האָט געענטפערט מיט ניין: ניין, ניט צווישען די פישער. קיין נעכטען פלינדערט ער ניט. ער געהט צו דער באַנק גופא.

דאָ האָט עס מאַק געהאַט! ער האָט בלויז מיט אַ בעדויערנדען טאָן געזאָגט: „אָבער אַז איהר זאָלט עס מיר האָבען געטהאָן!"

ראָלאַנדסען האָט געענטפערט: „איך האָב זיך געמאַכט טומה, ליידער איז דאָס געשעהן, ווען איך בין געוועזן שכור."

אונמעגליך איז דאָס שוין ניט געוועזן, אַז די דאָזיגע ערקלעהרונג זאָל זיין אמת. אָט דער פערריקטער טעלע־גראַפיסט האָט געפיהרט אַ טומעלדיגען לעבען און האָט ניט געהאַט קיין צו גרויסע איננאַהמען; דער קאָניאַק פון ראָזענגאַארד האָט געקאָסט געלד.

„און ליידער האָב איך נאָך עפּעס אנדערש זיך מודה צו זיין," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט, „ס'בלייבט מיר גאָרנישט איבער פון דעם געלד, אום עס אייך צוריקצוגעבען."

מאַק האָט געמאַכט אַ גלייכגילטיגע מינע. „דאָס שפּיעלט קיין ראָלע ניט," האָט ער געענטפערט. „מיך פערדריסט נור די גאַנצע נידעריגע פלוידעריי, וואָס איהר האָט איבער מיר אַרויסגערופען. אָט די אַלע קרענקונגען פון מיין פערזאָן, ווי פון מיין פאַמיליע."

„איך רעכבען צו טהאָן עפּעס אין דער ריכטונג."

„וואָס קען דאָס אַשטייגער זיין?"

„איך וויל אַרונטערנעהמען אייער פלאַקאַרד פון פאַרקען ביים פאַסטאָר־הויף און אָנשטאָט דעם אָנקלעפּען אַן אַנדערן, וואָס איך האָב אָנגעשריבען."

דאָס איז ווידער געוועזן עפּעס, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר דעם געוואַנטען יונג. „ניין דאָס פערלאַנג איך ניט," האָט מאַק געזאָגט. „ס'וועט אייך שוין אַזוי אויך טייער גענוג קאָסטען, איהר אונגליקליכער מאַן. אָבער ווילט איהר אָנשטאָט דעם דאָ אָנשרייבען אַן ערקלעהרונג!" און מאַק האָט אַ וואונק געטהאָן צו פרידריך'ס פלאַץ.

בעת ראָלאַנדסען האָט געשריבען, איז מאַק געזעסען און האָט שפּעקולירט. אָט די גאַנצע ערנסטע געשיכטע האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטען. עס וועט קאָסטען געלד, אָבער דאָס איז ניט אַרויסגעוואָרפען געלד, זיין נאָמען וועט איצט געהערט ווערן איבער'ן גאַנצען לאַנד.

מאַק האָט דורכגעלעזען די ערקלעהרונג און געזאָגט: „יאָ, ס'איז גוט אַזוי. נו, איך האָב, פערשטעהט זיך, ניט אין זינען זיך צו בענוצען דערמיט.”

„דאָס ליגט ביי אייך אין די הענד,” האָט ראָלאַנדסען געענטפערט.

„איך האָב ניט די אַבזיכט אויסצוזאגען וואָס עס איז פון דער געלד־אַנגעלעגענהייט. דאָס בלייבט צווישען אונז.”

„דאַן מוז איך אַליין אַרויס מיט דער שפּראַך, האָט ראָלאַנדסען געזאָגט. אין פּאַסטאָר'ס בריעף שטעהט אויס־דריקליך, אַז מען מוז זיך מודה זיין.”

מאַק האָט אויפגעשלאָסען זיין קאַסע־קאַסטען און אַרויס־גענומען אַ מאַסע באַנקנאָטען. איצט האָט ער געהאַט די געלעגענהייט, צו ווייזען ווער ער איז. און קיינער האָט פיליכט ניט געוואוסט, אַז אונטען ביים ברעג איז געווען אַ פרעמדער פישער, וועלכער האָט געוואַרט אויף דאָס דאָ־זיגע געלד, וועלכער האָט אָהן דעם ניט געוואָלט אַהיים פאָהרען.

מאַק האָט אָבגעצעהלט פיער הונדערט טהאַלער און געזאָגט: „איך וויל אייך ניט פערשאַפען קיין פערדרוס, אָבער איך בין געוואוינט צו האַלטען מיין וואָרט. איך האָב צוגעזאָגט פיער הונדערט טהאַלער, זיי זיינען אייער אייגענ־טהום.”

ראָלאַנדסען האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר. „אייער פעראַכטונג פערדיען איך,” האָט ער געזאָגט.

„מיין פֿערראכטונג!" האָט מאַק אויסגערופֿען. „איך וויל אייך עפּעס זאָגען..."

„אייער עדעלקייט טהוט מיר וועה. איהר פֿאָדערט זאָגאַר ניט מיין בעשטראָפֿונג, איהר בעלוינט מיך נאָך."

דערמיט האָט מאַק ניט געקענט מאַכען קיין פֿוראָר, וואָס ער האָט פֿערלאָרען צוויי הונדערט טהאַלער דורך אַ גנבה. ערשט ווען ער וועט דעם גנב אליין מיט דער דאָ־פּעלטער סומע בעלוינען, דאַן וועט די געשיכטע בעקומען דעם ריכטיגען גלאַנץ. ער האָט געזאָגט: „איהר פֿאַלט איצט אַריין אין אַן אונגליק, ראָלאַנדסען. איהר וועט פֿער־לירען אייער שטעלע. איך פֿערליר אָן דעם דאָזיגען געלד גאָרנישט, אָבער פֿאַר אייך קען עס אין דער ערשטער צייט האָבען אַ פּראַקטישען ווערטה. בערעכענט זיך פֿאָרט."

„איך קען ניט," האָט ראָלאַנדסען געזאָגט.

דאָ האָט מאַק גענומען די באַנקנאָטען און האָט זיי איהם אַריינגעשטופּט אין קעשענע פֿון זיין יאַק.

„זאָל עס זיין אַן אָנלייהע," האָט זיך ראָלאַנדסען גע־בעטען.

און דער ריטערליכער האַנדעלס־קעניג איז איינגע־גאַנגען דערויף און געענטפֿערט: „גוט, זאָל עס זיין אַן אָנ־לייהע!" אָבער ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער וועט דאָס דאָזיגע געלד קיינמאָל מעהר אין די אויגען ניט אָנזעהן.

דאָ איז ראָלאַנדסען געשטאַנען אַ דערשלאָגענער, אַ געבויגענער, אַזוי ווי ער וואָלט היינט געטראָגען אויף זיך די שווערסטע לאַסט פֿון זיין לעבען. ס'איז געווען אַ טרויעריג בילד.

„און אַצונד זעהט ווידער אַרויפֿצוקומען אויף'ן גלייכען וועג," האָט מאַק מיט אַן אויפֿמונטערנדען טאָן געזאָגט. „אָט דער פֿעהלער קען דאָך נאָך ווידער גוט געמאַכט ווערן."

ראָלאַנדסען האָט מיט דער טיעפסטער עניוות געדאַנקט פאַר אַלעם און איז אַוועק. „איך בין אַ גנב!" האָט ער שוין געזאָגט צו די פאַבריק־מיידלעך, בעת ער איז פערבייגע־גאַנגען פערביי זיי. און ער האָט זיך מודה געווען אויף אַלעם.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף'ן וועג צום פאַסטאָר־הויף. דאָרט האָט ער פון פאַרקען אַרונטערגעריסען מאַק'ס פלאַקאַרד און אנגעקלעפט זיין אייגענעם. דאָ איז אַלזאָ גע־שטאַנען, אַז ער און ניט קיין אַנדערער איז דער גנב. און מאָרגען איז זונטאָג; עס וועלען פערבייגעהן אַסך מענשען צו דער קירכע.

X.

ס'האָט אויסגעזעהן, אַז ראָלאַנדסען איז פֿול מיט חרטה אויף זיין טהאַט. נאָכדעם ווי זיין פלאַקארד איז געלעזען געוואָרען פֿון דעם גאַנצען קירך־בעצירק, האָט ער זיך גע־האַלטען אַליין און אויסגעמיידען זיך צו בעגעגענען מיט מענשען. דאָס האָט געמאַכט אַ גוטען איינדרוק, דער פֿערשוּלדיגטער טעלעגראַפֿיסט האָט זיך אַלזאָ פֿאָרט בע־רעכענט און ער וועט אַוועקוואַרפֿען זיינע אויסגעלאַסענע שטיק. דער אמת אָבער איז געווען, אַז ראָלאַנדסען האָט איצט קיין צייט ניט געהאַט זיך אַרומצושלייען פוסט און פאַס אויף די וועגען, ער האָט שפּעט אין דער נאַכט געאַרבייט אָהן רוה ביי זיך אין צימער. אַסך גרויסע און קליינע מע־דיצין-גלעזער מיט פראָבען האָבען געמוזט פֿערפּאַקט ווערן אין קעסטלעך און פֿונאַנדערגעשיקט ווערן מיט דער פּאָסט קיין מזרח און מערב. אויך דעם טעלעגראַף האָט ער בענוּצט גאַנץ פֿריה און שפּעט ביינאַכט. ס'איז געגאַנגען אין דעם פֿאַרטיג צו ווערן, איידער מען וואַרפֿט איהם אַרויס פֿון דער סטאַציאָן.

ראָלאַנדסען'ס סקאַנדאַל־געשיכטע איז אויך אָנגעקומען אין פאַסטאָר־הויף, און יונגפֿרוי וואַן לאָאָז, וועלכע האָט אַזאַ חתן געהאַט, איז בעדרויערט געוואָרען פֿון יעדען איינעם.

דער פּאַסטאָר האָט זי אַריינגערופען צו זיך אין אַרבייטס־
צימער און האָט געהאַט מיט איהר אַ לאַנגען, מילדען
געשפּרעך.

יונגפרוי וואַן לאָאָז וועט אַלזאָ איצט דעם טעלע־
גראַפיסט פאַלשטענדיג אַרויסשלאָגען פון געדאַנק, זי וועט
אַריבערגעהן צו איהם און מאַכען אַ סוף.

זי האָט געטראָפען ראָלאַנדסען אין אַ דערשלאָגענער
און זעהר טרויעריגער שטימונג, אָבער עס האָט זי ניט גע־
ריהרט. „שעהנע זאַכען הערט מען וועגען דיר", האָט זי
געזאָגט.

„איך האָב געהאָפט, אַז איהר וועט קומען, כ'האָב אייך
געוואָלט בעטען, איהר זאָלט האָבען איינזעהעניש מיט מיר,"
האָט ער געענטפערט.

„איינזעהעניש? ניין, ווייסט דו וואָס! איך וויל דיר
זאָגען, אָווע, אַ צומישטע בין איך דורך דיר געוואָרען. און
איך וויל עס דורכאויס מעהר ניט האָבען, אַז דו זאָלסט
נאָך איבערהויפּט זיין בעקאַנט מיט מיר אויף דער וועלט. איך
וויל גאָרנישט האָבען וואָס צו טהאָן מיט גנבים און שווינד־
לער, איך געה מיר מיין גראַדען, עהרליכען וועג. און האָב
איך דיך ניט געוואָרענט מיט דער בעסטער אַבזיכט, און
דו האָסט גאָרנישט געוואָלט וויסען? פיהרט זיך אַ פער־
לאָבטער מאַן אויף אַזוי, נאָכצולויפען פרעמדע פרויענצימער
און זיך אָנבאָטען יעדען איינעם ווי אַ טייערער דיאַמאָנט?
און טאָמער איז דאָס ווייניג, גנב'עסט דו נאָך ביי די מענ־
שען זייער געלד און מוזט זיך אויף'ן אָפענעם וועג מתודה
זיין אויף דיינע זינד. איך שעהם זיך אַזוי, אַז איך בין איינ־
פאַך אויסער זיך, און ווי קען איך זיך דען בערוהיגען! דו האַלט
אַקאָרשט דיין מויל, איך קען דיך גאַנץ גוט, דו האָסט
דאָך גאָרנישט וואָס צו זאָגען, נור זיין איינגעשפּאַרט און

שרייען הוררא, אָט דאָס קענסט דו. מיין ליעבע איז געווען אייפריכטיג פון מיין זייט, אָבער דו ביסט געווען אָקוראַט ווי אַ קרעציגער צו מיר און האָסט מיר בעשמוצט דאָס לעבען מיט אַ גנבה. ס'וועט דיר גאָרנישט נוצען, וואס דו ווילסט איצט זאָגען. גאָט זיי דאַנק, אַלע מענשען זאָגען עס, אַז דו האָסט מיך פערפיהרט און מיסברויכט. דער פאַסטאָר זאָגט, איך זאָל גלייך אָבפאָהרען פון דיר, ווי אונ־בעקוועם דאָס זאָל ניט זיין פאַר איהם. דו פרוביר איצט גור ניט זיך צו בעהאַלטען, אָווע; וואָרום דו בלייבסט אַ זינדער פאַר גאָט און פאַר די מענשען און ביסט ווירקליך אַ ריכטיגער אויסוואורף און אַ פינסטערער מענש. און אויב איך זאָג נאָך אָווע צו דיר, מיין איך עס ניט אַזוי, און דו זאָלסט אַקאָרשט ניט גלויבען, אַז אַלעס וועט נאָך גוט ווערן צווישען אונז. וואָרום איך מיין, אַז מיר וועלען זיך פון איצט אָן מעהר ניט קענען, און פונקט אַזוי ווייניג דוץ איך זיך נאָך לענגער מיט איך. וואָרום קיינער האָט ניט גע־קענט האָבען געטהאָן מעהר פאַר דיר, ווי איך האָב געטהאָן, דאָס ווייס איך בעשטימט; נאָר דו האָסט אויף אַ מינוט ניט אויפגעהערט צו זיין לייכטזיניג אַנטקעגען מיר, און האָסט מיך אויסגענוצט פריה און שפעט אָבער לײדער בין איך געווען שולדיג, איך אויך; די גאַנצע צייט האָב איך דיר דורך די פינגער דורכגעקוקט און איך האָב דאָך די אויגען ניט אויפגעמאַכט."

דאָ איז ער אַלזאָ געשטאַנען, אָט דער קלעגליכער מענש, און האָט זיך ניט געקענט רעכטפערטיגען אַזאַ צומישטע רעדע ווי היינט האָט ער נאָך פון איהר קיינמאָל ניט געהערט, אַזוי שטאַרק האָט זיין אונפערגלייכליכעס פערברעכען זי צוטרייסעלט. אַז זי איז פאַרטיג געוואָרען, איז זי געווען גאַנץ פערמאַטערט.

„איך וועל זיך בעסערן," האָט ער געזאָגט.

„דו? דו וועסט זיך בעסערן?" האָט זי געענטפערט, און זיך ביטער צולאַכט. „אָבער אויך דאַן וואָלט עס שוין מעהר ניט געהאָלפֿען. וואָרום דאָס וואָס דו האָסט געטהאָן קענסט דו ניט מאַכען אונגעשעהן, און אַזוי ווי איך קום אַרויס פֿון אַן אַנשטענדיגער, בכבוד'יגער פֿאַמיליע, וויל איך זיך ניט לאָזען בעשמוצען פֿון דיר. איך זאָג עס גענוי ווי עס איז. איבערמאָרגען פֿאָהר איך אָב מיט דעם פּאָסט־שיפֿעל; אָבער איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט זיך געפֿינען אונטען ביים ברעג, כדי זיך מיט מיר צוגעזעגענען, און דער פּאַסטאָר זאָגט דאָס אויך. איך זאָג דיר דאָ היינט אויף אייביג זיי־ געזונד. און איך דאַנק דיר פֿאַר די גוטע שטונדען, וואָס מיר האָבען צוזאַמען פֿערבראַכט; פֿון די שלעכטע וויל איך ניט דענקען."

זי האָט זיך ענערגיש אומגעדרעהט און אָנגעהויבען געהן. דאַן האָט זי געזאָגט: „אָבער דו קענסט ליגען אוי-בען אין וואַלד אַנטקעגען שיפֿעל און ווינקען, אויב דו ווילסט. נאָר מיט מיר האָט עס גאָר־נישט וואָס צו טהאָן."

„גיב מיר די האַנד," האָט ער געזאָגט."

„ניין, דאָס טהו איך ניט. דו ווייסט אַליין צו גוט, וואָס דו האָסט געטהאָן מיט דיין רעכטער האַנד."

ראָלאַנדסען האָט זיך אָנגעבויגען צו דער ערד. „אָבער וועלען מיר זיך גאָר ניט שרייבען?" האָט ער געזאָגט. „בלויז אַ פּאָר ווערטער."

„איך שרייב ניט. קיינמאָל אין לעבען ניט. ווי אָפֿט האָסט דו אין שפּאַס געזאָגט, אַז עס זאָל זיין אויס צווישען אונז, נאָר איצט בין איך גוט גענוג פֿאַר דיר. אָבער איצט איז דאָס אַ ליגען! און זיי געזונד, דאָס איז מיין וואונש. מיין אַדרעס איז בערגען, ביי מיין פֿאָטער, אין פֿאַל אויב דו וועסט שרייבען. אָבער איך בעט עס ניט ביי דיר."

ווען ראָלאַנדסען איז אַרויפֿגעשטיגען אויף די טרעפּ צו זיך אין צימער, האָט ער דייטליך געפֿיהלט, אַז ער איז שוין מעהר ניט פֿערלאָבט. ווי מערקווירדיג, האָט ער געטראַכט, בלויז איין סעקונדע בין איך געשטאַנען אונטען אין הויף.

עס איז געווען פֿאַר איהם אַ הייסער טאָג; ער האָט נאָך בעדאַרפֿט אייִנפּאַקען די לעצטע פּראָבען, אום אַוועקצושיקען זיי איבערמאָרגען מיט'ן פּאָסט־דאַמפֿער. אויסער דעם, האָט ער נאָך בעדאַרפֿט צוזאַמענקלייבען זיין גאַנצע בעלי בתישקייט און זיך פֿאַרבערייטען צו דער רייזע. דער אַלמעכטיגער טעלעגראַפֿען־אינספּעקטאָר האָט זיך שוין געפֿונען אויף'ן וועג צו זיי.

נאַטירליך וועט ראָלאַנדסען בעקומען אַ באַלדיגע און שנעלע ענטזאַגונג. וואָס אָנבעלאַנגט זיין דיענסט, קען מען געגען איהר גאָר ניט אויסזעצען און דער מעכטיגער סיחר־מאַק וועט זיכער איהם ניט שטעהן אין וועג: דאָך, די גערעכטיגקייט וועט מוזען טריאומפֿירען.

די לאָנקעס זיינען שוין געווען בעדעקט מיט גראָז, דער וואַלד האָט אָנגעהויבען צו גרינען און מילדע נעכט האָבען גערוהט איבער'ן לאַנד. דעם ים־בוזים איז געווען לעדיג, אַלע פֿישער זיינען מיט זייערע נעצען זיך צופֿאָהרען אין מאַק'ס שיפֿען זיינען געשוואומען צו מזרח צו, אָנגעלאָדען מיט הערינג. ס'איז געווען זומער.

דער וועטער איז געווען שעהן און אין די זונטאָג־טעג פֿלעגען זיך אין קירכע צוזאַמענקלייבען פֿיעל מענשען, וועלכע זיינען געקומען פֿון ים און פֿון יבשה און צווישען זיי זיינען אויך געווען די שיפֿלייט פֿון בערגען און הויגעזונד, וועלכע האָבען גערוהט מיט זייערע יאַכטען אין דער לענג פֿון ברעג און געטריקענט קליפּ־פֿיש. יאָהר איים, יאָהר־איין קומען זיי צוריק און שטעלען זיך אָב אויף די אַלטע

פלעצער. צו דער קירכען־טיהר פלעגען זיי צוגעהן אין אויסגעפוצטע בגדים, אין פארבינע העמדלאך פון פיינעם קארטון און קיטלאך, געמאכט פון האהר, זיינען געהאנגען איבער זייערע ברוסטען; אייניגע האבען אפילו געטראגען אין די אויערן גאלדענע רינגען און זיי פלעגען אריינברייגען לעבען און פארב אין דעם קירכען־לעבען. אבער פון די פיארדען האבען זיך אויך צוגעטראגען קלאנגען וועגען וואלד שרפות, וואס זיינען פעראורזאכט געווארען דורך דעם טרוקענעם וועטער; די זומער־ווארעמקייט, אלזא, האט ניט אימער בלויז גוטעס געשאפען. ענאך איז אריינגעטראטען אין זיין אמט און געווארען א ריכטיגער געהילף פון פאסטאר, אבער ער האט נאך אלץ געטראגען א טוך ארום די אויערן. דאס יונגווארג האט געלאכט ביי דעם דאזיגען אנבליק אבער די עלטערע לייט האבען זיך געערגערט דערפין, וואס אזא מין אפע האט פעראומרייניגט די כארום־טיהר און זיי זיינען געגאנגען צום פאסטאר זיך בעקלאגען. קען דען ענאך זיינע אויערן ניט פערשטאפען מיט וואטע? אבער ענאך האט געענטפערט דעם פאסטאר, אז ער קען זיך בשום אופן ניט בעגעהן אהן דער טוך איבער די אויערן, ווייל דער קאפ טהוט איהם שטענדיג וועה. דער פריהערדיגער געהילף לעוויאן האט בייזוויליג געלאכט פון זיין שיעל־פערטרעטער ענאך און פלעגט זאגען, אז עס מוז שוין איינעם זעהר גוט ווארעם זיין, ווען ער טראגט א טוך איבער די אויערן אין אזעלכע ווארימע טעג.

דער לומפ לעוויאן האט ניט אויפגעהערט צו פער־פאלגען זיין נאכפאלגער ענאך פון יענעם טאג אן ווייט ער איז ענטזאגט געווארען פון זיין שטעלע. יעדע נאכט פלעגט ער פאנגען פליאנדערקעס און גראדע אין יענעם ארט, צו וועלכען ענאך איז געווען בערעכטיגט. און אז ער האט

געברויכט אַ מאַסטבוים פאַר אַ שיפעל אָדער מאַטעריאַל פאַר אַ שעפּ־געפּעס פלעגט ער געהן אונטען צום ים, אין ענאָך'ס וואַלד אַריין.

מען האָט באַלד דערשמעקט, אַז די יונגפרוי פאָן לאָאַז האָט איבערגעריסען מיט איהר חתן און נישט קענענדיג אַריבערטראָגען די גרויסע שאַנדע פערלאָזט זי דעם פאַסטאָר־הויף. דער סוחר מאַק האָט בעדויערט דעם פערלאָרענעם טעלעגראַפיסט און האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַ קליינעם פערזוך, פיליכט וועט עס נאָך מעגליך זיין דעם פערלוסט צו היילען. ער האָט מיט זיינע אייגענע הענד אַרונטערגעריסען פון סלופ ראָלאַנדסען'ס מודעה און האָט ערקלעהרט, אַז דאָס איז איבערהויפּט אויפגעהאַנגען געוואָרען געגען זיין ווילען, נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט געהן צום פאַסטאָר־הויף. מאַק האָט געהאַט די פולע בעגרינדונג אַזוי צום האַנדלען; ער האָט אויך געהערט פון דעם געוואַלטיגען איינדרוק וועלכען זיין האַנדלונג מיט'ן גנב האָט געמאַכט אויף די אַרומיגע. אַצונד בעגריסען זיי איהם אַלע ווידער ווי אין די אַלטע טעג, יאָ, זיי אַכטען איהם נאָך מעהר ווי פריהער.

עס איז דאָך פאַרהאַן בלויז איין מאַק אויף דער גאַנצער קיסטע!

אָבער זיין בעזוך צום פאַסטאָר־הויף איז געוועזען צוועקלאָז. די יונגפרוי פאָן לאָאַז איז געוועזען געריהרט און האָט געוויינט, ווען זי האָט געזעהן מאַק'ן בכבודו ובעצמו. אָבער קיינער איז נישט אימשטאַנד געוועזען איהר צו מאַכען ווידער צו פערגעסען אָן ראָלאַנדסען'ס בענעהמונג; קיינמאָל אין לעבען וועט עס נישט געשעהן. מאַק האָט בעקומען דעם איינדרוק, אַז איהר באַלדיגער פעסטער בעשלוס האָט צו טהאָן מיט דער ווירקונג פון פאַסטאָר.

ווען די יונגפרוי האָט זיך אַרונטערגעלאָזען צו די שיפֿלאַך־שאָפּעס, האָבען איהר בעגלייט דער פּאַסטאָר און זיין פֿרוי ביידע האָבען איהר געוואונשען אַ גליקליכע רייזע און האָבען זיך צוגעקוקט ווי זי שטייגט אַריין אין שיפֿעל.

„אָה גאָט, איצט בין איך זיכער, אַז ער ליגט דאָ אויבען אין וואַלד און האָט חרטה אויף אַלעס", האָט געזאָגט די יונגפֿרוי וואָן לאָאָז און האָט אַרויסגענומען איהר טאַשען־טיכעל.

דאָס שיפֿעל האָט זיך אָבגעשטויסען און אונטער די שטאַרקע רודער־קלעפּ זיך פֿון דאַנען אָבגעטראָגען. „דאָ זעה איך איהם",— האָט די יונגפֿרוי אויסגעשריען און האָט זיך האַלב אויפגעהויבען. זי האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט זיך פֿערנומען געהן איבער'ן וואַסער צום לאַנד. דאַן האָט זי אָנגעהויבען מיט אַלע כוחות פּאַכען צום וואַלד צו. און דאָס שיפֿעל איז פֿערשוואונדען געוואָרען הינטער דער לאַנד־צונג.

ראָלאַנדסען איז געגאַנגען דורך'ן וואַלד אַ היים, ווי ער פֿלעגט עס אימער טהאָן פֿאַר דער לעצטער צייט; אָבער נעבען דעם עק פֿון פּאַסטאַר־הויף האָט ער אונטען ווידער אויפגעזוכט דעם וועג און זיך געלאָזט מיט איהם געהן. הייסט עס, אַלע גומע־פּראָבען זיינען שוין אַרויסגעשיקט, ער האָט שוין גאָרניט צום טהאָן, נור אָבוואַרטען דעם רעזולטאַט. אַצונד ווערט עס שוין לאַנג ניט געדויערן. און זייענדיג אין אַ לויטער גוטער לוינע האָט ער געהענדיג געקנאַקט מיט די פֿינגער.

ניט ווייט פֿון איהם איז דעם קיסטערס אָלגאַ געזעסען ביים וועג אויף אַ שטיין. וואָס זוכט זי דאָ אבער? ראָלאַנדסען האָט געקלערט: זי קומט פֿון קראָם און אַצונד וואַרט זי דאָ אויף איטיצען. באַלד אויף דעם איז אָנגעקומען

עליזע מאַק. אַזוי, אַזוי, זיינען שוין די ביידע אויך אונצושיידבאַר געוואָרען? אויך זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זי וואַרט. „מיר וועלען בעצויבערן די דאַמען, זיך ערנידעריגען און אין ד'רערד איינזינקען",— האָט ראָלאַנדסען געזאָגט צו זיך זעלבסט. און ער האָט זיך איילינג אַריינגעשלייכט אין וואַלד. אָבער אונטער זיינע פיס האָבען אָנגעהויבען צו קנאַקען די טרוקענע צווייגען, זיינע טריט האָט מען געקענט דערהערן, ס'איז געווען אַן אונגעלונגענע ענטרינונג און ער האָט עס אויפגעגעבען. „פיליכט קען מען ווידער אויף'ן וועג זיך פערנעהמען" האָט ער געטראַכט, מיר ווילען זיי ניט צופיעל בעצויבערן". און ער האָט זיך געלאָזט צום וועג אַרויף.

אָבער עס איז דאָך געווען זעהר אַ געוואַגטער שריט זיך צוזאַמענטרעפען מיט עליזע מאַק פנים אל פנים. זיין האַרץ האָט האַסטיג אָנגעהויבען צו קלאַפען, עס האָט איהם דורכגענומען אַ וואַרימער שטראָם און ער איז שטעהן געבליבען. פריהער שוין האָט ער גאָרניט געקענט ערדייכען און שפעטער איז נאָך צוגעקומען די גרויסע מיסהאַנדלונגיגעהענדיג ריקווערטס האָט ער זיך צוריקגעצויגען אין וואַלד אַריין. וואָלט ער זיך נור אַריבערגעכאַפט איבער דיעזער טריקעניש, דאַן פערשווינדען שוין די טרוקענע צווייגען און עס פאַנגט זיך אָן די הייזע־קרויט. ער האָט גובר געווען די צווייגען מיט אַ פאָר שפרונגען און איז געווען ערלייזט. פלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען. וואָס, צום טייוועל, האָט ער זיך דאָ פונאַנדערגעשפרונגען? איז ער דען ניט אָווע ראָלאַנדסען? טראָציג האָט ער זיך צוריקגעקעהרט דורך דער טריקעניש און האָט הויך געקלאַפט איבער די צווייגען, וויפיעל ער האָט נור געגלוסט אַליין.

יוען ער איז אַרויסגעקומען אויף'ן וועג האָט ער געזעהן,

אַז די דאַמען זיצען נאָך אויף'ן זעלבען פּלאַץ, ווי האָבען געפּלוידערט. און עליזע האָט געבויערט מיט'ן שירעם די ערד. ווידער איז ראָלאַנדסען שטעהן געבליבען שטיל. „עס זיינען גאָר ניטאָ קיין פאָרזיכטיגערע מענשען, ווי די וואָס וואַגען. איך בין דאָך אָבער אַ גנב", האָט ער געטראַכט; ווי קען איך זיין אַזוי פרעך און זיך ווייזען?

זאָל איך זיך דען גריסען און אַרויסצווינגען פון די דאַמען אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ? און ווידער אַמאָל האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין וואַלד. אַ גרויסער נאַר איז ער געווען, וואָס ער האָט זיך נאָך אַרומגעטאָגען מיט זיינע געפיהלען: האָט ער דען ניט קיין אַנדערע זאַכען פון וואָס צו קלערען? אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט ער זיין אַ רייכער מאַן; פּ♦רט מיט פּערליעבענישען! און ער איז געגאַנגען מיט'ן וועג אַהיים.

זאָל מען גלויבען, אַז זיי זיצען נאָך אַלץ דאָרט? ער האָט זיך אומגעקעהרט און אַ קוק געטהאָן. צו זיי איז צוגעקומען פרידריך, אַלע דריי קומען זיי איהם איצט אַנט־קעגען. ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט, דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט ביז צום האַלז אַרויף, זאָלען זיי איהם נאָר ניט דערזעהן! זיי זיינען שטעהן געבליבען, ער האָט געהערט ווי פריעדריך האָט געזאָגט: „פּסט, מיר שיינט, אַזוי ווי איך וואָלט איטיצען דערשפּירט אין וואַלד". „עס איז גאָר ניט", האָט געענטפערט עליזע.

און פיעלייכט האָט זי עס געזאָגט, ווייל זי האָט איהם שוין געזעהן! האָט ראָלאַנדסען געטראַכט. עס איז איהם געוואָרען קאַלט און ביטער אויף'ן האַרצען. נאַטירליך איז ער „גאָרניט", איצט; אָבער מיר וועלען זיך דאָך ווידער טרעפען אין צוויי חדשים שפּעטער! און וואָס איז זי אַליין? אַ יונגפרוי מאַריאַ פון בלעך געמאַכט, אַ מאַכטער פון דעם

בעקאַנטען ליוטעריאַנער פֿון ראָזענגאַארד. זאָל דער פֿריע־דען זיין מיט דיר!

אויף דעם דאַך פֿון דער סטאַציאָן איז געשטאַנען אַ וועטער־האָהן אויף זיין אייזערנעם שטאַנג. ראָלאַנדסען האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, אַרויפֿגעקראָכען אויף'ן דאַך און האָט מיט זיינע אייגענע הענד איבער־געבראָכען דעם אייזערנעם שטאַנג; דער האָט זיך פֿערקרימט הינטער־אַרום און ס'האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט געקרעהט. און אַזוי זאָל ער טאַקי שטעהן. אַזוי וועט שוין רעכט זיין.

XI.

אַצונד איז די צייט, ווען די טעג פֿון רוהע זיינען אָנגעקומען פֿאַר די מענשען: נור דאָס קליינע פֿיש־פֿאַנגעריי פֿאַר הויז־בעדירפֿניש איז געווען די איינציגע בעשעפֿטיגונג, וועלכע זיי האָבען אָנגעטריבען אין די זונען־וואַרימע נעכט. די ווייצען און קאַרטאָפּעל זיינען געוואַקסען, די גראָז אויף די לאָנקעס האָט זיך געשוימט אין וואַלען, יעדער הויז האָט געהאַט אַן איבערפֿלוס אין הערינג, די קיה און די ציעגען האָבען געגעבען מילך עמערסווייז און דאָך געבליבען פֿול און פֿעט.

מאַק און זיין טאָכטער עליזע האָבען אָבגערייזט אַהיים און פֿריעדריך האָט ווידער אַליין גע'בעלי־בית'עוועט אין פֿאַבריק און אין קראָם. אין פֿריעדריך האָט גע'בעלי־בית'עוועט ניט אַם בעסטען; ער האָט פֿלאַמענדיג געליעבט דעם ים און האָט זעהר אונגערן געגרינט זיך אויף דער יבשה. דער קאַפּיטאַן הענריקסען פֿון דעם קיסטען־שיף האָט האַלב פֿערשפּראָכען איהם צו פֿערשאַפֿען אַ שטעלע אַלס שטורמאַן אויף זיין שיף; נור דערפֿון, דאַכט זיך, וועט גאָרנישט ווער־ען. יעצט פֿרעגט זיך אַלזאָ, אויב דער אַלטער מאַק וועט אימשטאַנד זיין צו קויפֿען פֿאַר זיין זוהן אַ דאַמפּפֿער. ער האַלט אין קויפֿען און רעדט אָפֿט דערפֿון,

אָבער פֿריעדריך האָט אַ פֿערדאַכט, אַז דאָס וועט זיין אונ־מעגליך. פֿריעדריך וויס ווי צו האַלטען דעם חשבון פֿון די אומשטענדען. על פי טבע האָט ער אין זיך זעהר װעניג פֿון דעם, וואָס אַ זעטמאַן בעדאַרף צו האָבען, ער איז אַ טיפּ פֿון דער פּאַרזיכטיגער און תכיפ׳דיגער יונגענד, וועלכע טהוט אין׳ם מאָנ־טעגליכען לעבען בלויז דאָס, וואָס עס איז נויטיג. פֿאַר זיינע אייגענשאַפֿטען האָט ער צו פֿערדאַנקען זיין מוטער און ווייטער האָט ער גאָ־ניט צו טהאָן מיט אַ עכטען מאַק. אָבער אַזוי דאַרף מען זיין, ווען מען וויל מיט גלאַנץ דורכגעהן אונזער וועלט. קיינמאָל ניט צופֿיעל טהאָן, נאָר אין געגענטהייל, אַ ביסעל צו וועניג און דאָס נראַדע וועט שוין גערעכענט ווערען פֿאַר געגוג. ווי איז עס געגאַנגען ראָלאַנדסענען, דעם דאָזיגען דרייסטען מזיק מיט זיינע אי־בערטרייבונגען? ער האָט ביי אַלעמען בעקומען אַ שם פֿון אַ גרויסען גנב און שליסליך האָט ער נאָך פֿערלאָרען זיין שטעלע. איצט געהט ער אַ־ום מיט זיין בעלאָדענעם געוויסען, זיינע אָבגעטראָגענע קליידער ווערען אַלץ דינער און דינער און ביי קיינעם ניט, נאָר ביי דעם אָרגעל-טרעטער ביאָרע האָט ער געפֿונען אַ קעמערל. דאָ האָט זיך אָיוע ראָלאַנדסען בעזעסען. ביאָרע מעג זיך זיין אַ טיכטיגער קערל אויף זיין שטייגער, אָבער ער איז געווען דער אָרעמ־סטער פֿון אַלע, וויל אין זיין הויז האָט זיך געפֿונען װעניגער הערינג ווי ערגעץ אַנדערשוואו. און אַחוץ דעם, ווייל זיין טאָכטער פערנילע איז געווען אַ געבראַנדמאַרקטע בריאה, צוליעב דעם האָט מען זיין הויז ניט געשענקט זעהר פֿיעל אכטונג. קיין בעסערער מאַן וואָלט ביי איהם ניט געוואוינט.

מען האָט געשמועסט, אַז ראָלאַנדסען וואָלט געקענט אויפֿהאַלטען זיין פּאָסטען, ווען ער זאָל זיך ווענדען צום טעלעגראַפֿען־אינספּעקטאָר מיט אַ חרטה־געפֿיהל אין האַר־

צען. אָבער ראָלאַנדסען'ען איז עס געגאַנגען אום דעסטו בעקומען זיין ענטזאַגונג און דער אינספעקטאָר האָט קיין געלעגענהייט ניט געהאַט איהם צו בעגנאַדיגען. און דער אַלטער מאַק, דער פערמיטלער איז דאַן געווען אַבוועזענד.

אָבער דער פאַסטאָר איז ניט געווען גאַנץ אונצופריעדען מיט ראָלאַנדסען. „איך האָב געהערט, אַז ער טרינקט שוין װעניגער ווי פריהער", האָט ער געזאָגט, „און איך רעכען איהם דורכאויס ניט האָפנונגסלאָז צו זיין. אַזוי האָט ער זעלבסט מודה געווען, אַז מיין בריעף איז געווען די אורזאַכע, צוליעב וועלכער ער האָט בעקאַנט געמאַכט זיין גנבה. אויך אין זיין ווירקונגס-קרייז קען מען זיך דערלעבען צו אַ פרייד".

דער יאָהאַנעס-טאָג האָט זיך שוין אָנגערוקט. אין אָבענד פלעגט מען אויף אַלע הויכקייטען אָנצינדען שייטער־הויפענס. די פ׳שער־יונגענד פלעגט זיך פערזאַמלען אַרום פייער און איבער׳ן גאַנצען געגענד האָבען זיך געלאָזט הערען די טענער פון פידעל און הארמאָניקע. קיין שום פייער האָט מען ניט געטאָרט אַרויסזעהן, אָבער עס האָט בעדאַרפט שטאַרק רויכערן; דאָס איז געווען סאָליד; צוליעב דעם פלעגט מען אין די שייטער־הויפענס אריינוואַרפען פייכטען מאָך און ריח־האָלץ און דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ דיקען פיין שמעקענדען רויך.

ראָלאַנדסען האָט ניט געהאַט געגוג שאַנדע־געפיהל אום אויסצומיידען די דאָזיגע פאָלקס־פע־ווייליגנען; ער איז געזעסען אויף אַ הויכען באַרג, געצימבעלט אויף זיין גיטאַרע און געזונגען אַזוי הויך, אַז עס האָט אַוש אָבגעהילכט אין טהאָל. ווען ער איז אַרונטערגעשטיגען צום שייטער־הויפען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז שכור ווי לוט און אַז ער שפּיעלט זיך נור מיט עפּעקטפולע פראַזען. ער איז געווען און פער בליבען דערזעלבער.

אָבער אונטען איבערן וועג איז געגאַנגען אָלגאַ דעם קיסטערס טאָכטער. עס איז באַין אופן נים געווען איהר אבזיכט זיך אָבצושטעלען, זי געהט נור מיט'ן וועג און וויל פערבייגעהן. אָך, זי האָט גאַנץ לייכט געקענט געהן מיט אַן אַנדער וועג, אָבער אָלגאַ איז געווען אַזוי יונג, די טענער פון דער האַרמאָניקע האָבען איהר צוגעצויגען; איהרע נאַז־פליגעל האָבען געציטערט, עס האָט איהר דורכגענומען אַ שטראָם פון גליק, זי איז געווען פערליעבט. מיט אַ טאָג פריהער איז זי געווען אין קראָם און פריעדריך מאַק האָט צו איהר אַזוי פיעל גערעדט, אַז זי האָט איהם געמוזט פערשטעהן. באָטש ער האָט זיך אויסגעדריקט זעהר פאַר־זיכטיג. קען עס דען נים זיין, אַז ער זאָל אויך אונטער־נעהמען אַ שפאַציר־גאַנג אַזוי ווי זי אין דעמזעלבען אָבענד!

זי האָט בעגעגענט דעם פאַסטאָר'ס פרוי. ביידע האָ־בען זיך אַרומגענומען און האָבען גערעדט פון קיין אַנדערן נור וועגען פריעדריך מאַק. ער איז געווען דער העדר פון דעם קירך־שפיעל, אפילו די האַ־ץ פון דעם פאַסטאָר'ס פרוי האָט זיך אין דער שטיל צו איהם גענייגט; ער איז געווען אַ ליעבליכער, פאַרזיכטיגער מענש און מיט יעדען טריט זיינעם איז ער געשטאַנען פעסט אויף דער ערד. דעם פאַסטאָר'ס פרוי האָט צולעצט בעמע־קט, אַז די יונגע אָלגאַ האָט זיך שטאַרק פערשעהמט און האָט געפרעגט: „אַבער קינד, דו ביסט אַזוי שטיל, סוף כל סוף ביסט דו נאָך נים פע־ליעבט אין דעם יונגען מאַק?"

„יע" האָט אָלגאַ אַרויסגעשעפטשעט און אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

די פרוי איז שטעהן געבליבען. „אָלגאַ, אָלגאַ! און ער קלערט אויך עפעס וועגען דיר?"

„איך גלויב אַזוי".

דער פרוי'ס אויגען זיינען ווידער געוואָרען אונבעוועגליך און נאַריש און האָבען פּוסט געקוקט אין דער לופט אַריין. "יאָ, יאָ", האָט זי געזאָגט שמייכלענדיג. „גאָט זאָל בענשען. ווערסט זעהן, עס וועט גוט זיין". און זי האָט פערדראָפּעלט איהר פריינדליכקייט צו אָלגען.

ווען די דאַמען זיינען צוגעקומען צום פאַסטאָר־הויף, האָבען זיי געטראָפען דעם פאַסטאָר אַרומלויפענדיג אויפ־געדענט אהין און אַהער. „דאָרט אויבען ברענט דער וואַלד", האָט ער אויסגערופען: „איך האָב עס געזעהן פון מיין פענסטער"! ער האָט צונויפגעזאַמעלט העק, גראָב־אייזענס און מענשען און האָט אָנגעפילט זיין שיפעל, וועלכע איז געשטאַנען אונטען ביי די שאָפעס. עס האָט געברענט אין ענאָך'ס וואַלד.

אָבער דער געוועזענער געהילף לעוויאַן איז געקומען פריהער פון פאַסטאָר מיט זיינע לייט. לעוויאַן האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער פיש־פאַנגעריי, ווי געוועהנליך איז ער געלעגען ביי ענאָך'ס וואַלד און אָביסעל געקאָכט. אויף דעם וועג אַהיים האָט ער דערזעהן, ווי אַ קליינער העלער פייערל שלאָגט אַרויס פון וואַלד און ווערט אַלץ גרעסער. ער האָט זיכער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, גלייך ווי ער ווייס וואָס אַזאַ פייערל האָט צו בעדייטען. און ווען ער האָט אונטען ביי די שאָפעס פון פאַסטאָר־הויף דערזעהן די אויפגערודערטע מענשען, האָט ער פערשטאַנען, אַז הילף וועט באַלד אָנקומען. ער האָט מיט איינמאָל אומגעקעהרט דעם שיפעל און גערודערט צוריק, אום דער ערשטער צו זיין אויף'ן פּלאַץ. עס איז געווען גאַנץ פיין פון לעוויאַנען, וואָס ער איז געווען בערייט צו פערגעסען די צאַנקעריי און האָט זיך געאיילט זיין פיינד צו הילף.

ער לאַנדעט און לאָזט זיך אין וואַלד אַריין, ער הערט

ווי עס קנאַקט דער פייער. לעוויאַן נעהמט זיך צייט און ביי יעדען טריט קוקט ער זיך געגוי אַרום, באַלד דערזעהט ער ענאָך'ן, וועלכע קומט אָן אין גרויס איילעניש. אַ אונ־געהייערע שפּאַנונג בעהערשט לעוויאַנען, ער פערשטעקט זיך הינטער אַ פעלז און קוקט נאָך. ענאָך קומט נעהענטער, ער געהט, גלייך ער וואָלט ניט געהאַט קיין בעשטימטען ציעל, קוקט זיך ניט אַרום ניט רעכטס ניט לינקס, ער קומט אַלץ, ער קומט. צו האָט ער זיין געגנער ענטדעקט און וויל איהם אַצונד אויסגעפינען. ווען ער איז שוין געווען גאַנץ נאָהענט, האָט איהם לעוויאַן צוגערופען. ענאָך האָט זיך אומגעקעהרט און שטעהן געבליבען. און זייענדיג צו־דודערט האָט ער געשמייכעלט און געזאָגט:

„לײדער, ברענט דאָ. עס איז געקומען דער אונגליק". דער אַנדערער האָט בעקומען מוט און האָט אָבגעענטפערט: „גאָט'ס פינגער שטעקט אין דעם".

ענאָך האָט געררונצעלט דעם שטערן.

„וואָס שטעהסט דו דאָ", האָט ער געפרעגט.

לעוויאַן'ס גאַנצער האַס האָט אויפגעפלאַמט און ער האָט געזאָגט: „אָהאָ, דאָ איז אַצונד צו וואָרעם מיט דער בינדע אויף די אויערן".

„געה אַוועק פון דאַנען", האָט געזאָגט ענאָך. „דו ביזט עס, אודאי, דער אונטערצינדער".

אָבער לעוויאַן איז געווען בלינד און טויב. עס האָט אויסגעוויזען, אַז ענאָך וויל גראַדע צוקומען צו דעם פּונקט ביי דעם פעלז, וואו לעוויאַן איז געשטאַנען.

„היט זיך"! האָט לעוויאַן אויסגעשריען. „איך האָב דיר שוין איינמאָל איין אויער אָבגעדרעהט, כ'וועל דיר דעם אַנדער'ן אייך אַ־אָבנעהמען".

„זאָלסט אַוועקגעהן פֿון דאַנען", האָט געענטפֿערט ענאָך און האָט זיך געשפּאַרט גלייך אויף איהם.

לעוויאָן האָט פֿון בייזקייט געקריצט מיט די ציינער, ער האָט הויך אויסגערופֿען: „געדענקסט דו דעם טאָג אויף'ן פֿיאָרד? דו ביסט געלעגען און געצויגען מיינע נעצען, דאַמאָלס האָב איך אָבגעריסען אַן אויער".

אַצונד איז קלאָהר געוואָרען פֿאַרוואָס ענאָך טראָגט די בינדע אויף די אויערן ער האָט בלויז איין אויער.

דיביידע שכנים האָבען זיך שוין איינע די אַנדערע געהאַט אין די קלייהען און האָבען געהאַט גענוג גרינדע צו מאַכען אַ שוייג.

„דו ביסט אַלץ איינס ווי אַ מערדער", האָט געזאָגט ענאָך.

מען האָט געהערט ווי דעם פּאַסטאָרס שיפֿעל איז שוי־מענדיג צוגעפֿאָהרען צום לאַנד און פֿון דער אַנדער זייט האָט זיך געהערט די ברוזענדע שרפה, וואָס איז געקומען אַלץ נעהענטער און נעהענטער. ענאָך האָט געוואָלט פּטור ווערען פֿון לעוויאָנען, ער האָט אַרויסגעצויגען זיין שניץ־מעסער, ער האָט פֿערמאָגט דיעזען פּרעכטיגען מעסער צו שניידען.

לעוויאָן האָט אַ דרעה געטהון מיט די אויגען און גע־שריען. „יעז דו וואַגסט מיר צו ווייזען דעם מעסער, זיינען דאָ באַלד פֿאַרהאַן מענשען אין פֿאָהר־וואַסער. אָט קומען זיי".

ענאָך האָט ווידער בעהאַלטען דעם מעסער. „וואָס שטעהסטו עפּעס גראַדע דאָ? געה אַוועק!" האָט ער געזאָגט.

„און וואָס זוכסטו עפּעס פּונקט דאָ?"

„דאָס געהט דיר ניט אָן. איך האָב דאָ עפּעס צו טהון, כ'האָב דאָס עפּעס בעהאַלטען, און דער פֿייער קומט שוין אָן".

אָבער לעוויאָן האָט צוליעב איינגעשפּאַרטקייט בשום

אויפֿן ניט געוואָלט אָבטרעטען, אפילו אויף קיין שפּאַן. עס איז אָנגעקומען דער פּאַסטאָר און האָט גאַנץ גוט געהערט די צאַנקעריי אויף'ן לאַנד; אָבער לעוויאַן האָט זיך איצט ניט געקימערט וועגען פּאַסטאָר!

דאָס שיפֿעל איז צוגעשוואומען; אַלע האבען זיך אַ לאָז געטהון מיט העק און גראָב־אייזענס; דער פּאַסטאָר האָט פֿערבייגעהענדיג זיך געגריסט און געזאָגט אַ פּאָר ווערטער: „ריעזע יאָהאַנעס־פֿייער'ן זיינען אַ שעדליכער מנהג, ענאָך; די פֿונקען צופֿליהען זיך אין אַלע ריכטונגען. וואו זאָלען מיר אָנפֿאַנגען".

ענאָך האָט זיך אין גאַנצען פֿערלאָרען; דער פּאַסטאָר האָט איהם אָנגעכאַפּט און אָבגעשלעפּט אָן אַ זייט, ער זאָל ניט קענען פּאָ־טועצען זיין צאַנקעריי מיט לעוויאַנען.

„פֿון וואַנען קומט דער ווינד"? האָט דער פּאַסטאָר געפֿרעגט. קום און ווייז אונז, וואו מיר זאָל דורכפֿיהרען דעם גראָבען".

אָבער ענאָך איז געשטאַנען ווי אויף נאָדלען, ער האָט געמוזט האָבען אין אייג לעוויאַנען און האָט געענטפֿערט דעם פּאַסטאָר ווי אַ פֿערווירטער.

„לאָז זיך ניט אזוי פּאַקען פֿון אונגליק", האָט דער פּאַסטאָר ווידער געזאָגט. „זיי אַ מאַן, דער פֿייער מוז ווערן אויסגעלאָשען"! און ער האָט גענומען ענאָך'ן אונטער'ן אָרם.

איינינע פֿון די לייט זיינען אַ שטיק־וועגס אַנטקעגען געגאַנגען די שרפה און האָבען אַליין אָנגעפֿאַנגען דורכצופֿיהרען דעם גראָבען. לעוויאַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף'ן זעלבען אָרט און האָט שווער געאָטהעמט ער איז ארויפֿגעטראָטען מיט'ן פֿוס אויף אַ שטיינערנער פּליטע, וואס איז געלעגען הארט לעבען אַ פֿעלז. דאָ האָט ער אודאי גאָרניט

ניט בעהאַלטען, ס'איז אַלץ ליגען, האָט ער געקלעהרט און האָט אַביסעל אונטערגעהויבען די פּליטע. און ווי נור ער האָט אַ־ומגעגראָבען אַביסעל ערד אונטער דער פּליטע האָט ער דערזעהן אַ טוך. די טוך האָט בעלאַנגט צו ענאָך'ן, עס איז געווען זיין אַמאָליגע אויער־בינדע, לעוויאָן האָט עס אויפגעהויבען, ס'איז געווען אַ פּאַקעט. ער האָט פונאַנדער געבונדען דאָס טוך, אינווייניג איז געווען געלד, פּיעל געלד אין באַנקנאָטען. און צווישען, די באַנקנאָטען איז געלעגען אַ גרויסער, ווייסער דאָקומענט.

לעוויאָן איז געוואָרען שטאַרק נייגעריג, ער האָט געטראַכט! עס איז גע'גנבה'טע געלד! ער האָט פאַנאַנדער־געוויקעלט דאָס פּאַפּיר און אָנגעפאַנגען צו לייענען זילבענווייז.

דאָס בעמערקט ענאָך און לאָזט אַרויס אַ הייזעריגען געשריי; ער רייסט זיך אַרויס פון פּאַסטאָר און איילט זיך צו לעוויאָנען מיט'ן מעסער אין דער האַנד.

„ענאָך! ענאָך"! שרייט דער פּאַסטאָר און סטאַרעט זיך איהם דעריאָגען.

„אָט איז דער גנב"! האָט לעוויאָן צו זיי אויסגערופען.

דער פּאַסטאָר האָט זיך איבערלעגט: אויף ענאָך'ן האָט אַזוי געווירקט די שרפה, דאָס ער איז אויסער זיך.

„בעהאַלט דעם מעסער"! האָט ער צו איהם געזאָגט.

לעוויאָן האָט פאַרטגעזעצט:

„אָט דאָ איז מאַק'ס איינברעכער".

„וואָס זאָגסטו!"? האָט געפרעגט דער פּאַסטאָר, ניט פערשטעהענדיג.

ענאָך איז צוגעשפּרונגען צו זיין געגנער און האָט געוואָלט אַוועקנעהמען דעם פּאַקעט.

„איך וועל עס איבערגעבען דעם הער פּאַסטאָר!" האָט אויסגערופען לעוויאָן, „זאָל דער הער פּאַסטאָר זעהן, צו

וואָס פאַר אַ סאָרט מענשען עס געהערט זיין געהילף".

ענאָך האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים. זיין געזיכט איז גרוי געוואָרען, דער פּאַסטאָר קען ניט בעגרייפען, וואָס עס זאָל בעדייטען די דאָזיגע באַנקנאָטען, דאָס טוך און דער דאָקומענט.

„דאָרט האָב איך עס געפונען", — האָט לעוויאָן געזאָגט און ציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער. ער האָט עס בעהאַלטען אונטער אַ פלאַך־שטיין דאָ שטעהט מאַק'ס נאָמען אין דעם פּאַפּיער".

דער פּאַסטאָר האָט איבערגעלייענט. ער האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען, האָט אָנגעקוקט ענאָך'ן און געזאָגט: „דאָס איז די פּאָליס פון לעבענספערזיכערונג וואָס מאַק האָט פערלאָרען, ניט אמת"?

„דאָ איז אויך די געלד וואָס ער האָט פערלאָרען",—האָט לעוויאָן געזאָגט.

ענאָך האָט זיך צוזאַמענגענומען מיט קראַפט. „דאן האָסטו עס אַליין דאָרט אַוועקגעלעגט", — האָט ער געזאָגט.

דער געררויש פון ברענענדען וואַלד האָט זיך אַלץ דערנעהענטערט, אַרום זיי איז געוואָרען אַלץ הייסער און הייסער, אָבער די דריי מענער זיינען געשטאַנען אונבעוועגליך.

„איך ווייס דערפון גאָרניט", האָט ענאָך ווידער געזאָגט. „לעוויאַן האָט עס מן הסתם דאָרט אַוועקגעלעגט".

לעוויאָן האָט געפרעגט: „דאָ זיינען צוויי הונדערט טאָלער. האָב איך דען ווען עס איז פערמאָגט צוויי הונדערט טאָלער? און בעלאַנגט דען ניט דאָס טוך צו דיר? האָסטו דאָס ניט געטראָגען אַרום די אויערן?"

„יאָ, האָסטו דען דאָס גיט געטראָגען"? האָט אויך דער פּאַסטאָר געזאָגט.

ענאָך האָט געשוויגען.

דער פאַסטאָר האָט געבלעטערט אין די פּאַפּיערגעלד.

„דאָס זיינען נישטאָ קיין צוויי הונדערט טאָלער", האָט ער געזאָגט.

„ער האָט שוין עטוואָס פערברויכט", האָט לעוויאָן געענטפערט.

אָבער ענאָך איז געשטאַנען און שווער געאָטהעמט, דאָך האָט ער זיך נאָך אָבגערופען: „איך וויים פון גארנישט. אָבער דו, לעוויאָן, מעגסט געדענקען, דאָס איך וועל דיר עס קיינמאָל נישט פערגעסען".

דעם פאַסטאָר האָט אָנגעהויבען צו שווינדלען אין די אויגען. אויב ענאָך איז דער גנב, האָט דאָך דער טעלעגראַפּיסט ראָלאַנדסען געשפּילט אַ קאָמעדיע מיט דעם מוסר-בריעף, וועלכען ער האָט ערהאַלטען. און צוליעב וואָס האָט ער דאָס געטהון?

די היץ איז אַלץ גרעסער געוואָרען, די דריי מענער האָבען זיך געלאָזען צום ים אַראָב און דער פייער איז ווי נאָכגעגאַנגען. זיי האָבען געמוזט אַריינשטייגען אין שיפעל, יאָ, זיי האָבען געמוזט זיך אָבשטויסען פון ברעג.

„יעדענפאַלס, איז דאָס מאַק'ס פאַלים", האָט געזאָגט דער פאַסטאָר, „מיר וועלען וועגען דעם מעלדען. רודער אַהיים, לעוויאָן".

ענאָך האָט שוין צו גאָרנישט געטויגט, ער איז געזעסען און האָט שטאַרק געקוקט פאַר זיך... יאָ, מיר וועלען עס מעלדען, האָט ער געזאָגט", „דאָס איז אויך מיין מיינונג.

דערשלאָגען האָט דער פאַסטאָר געפרעגט: „אַזוי"? און ער האָט אונוויל'ג פערמאַכט די אויגען, זייענדיג ענטזעצט פון די אַלע געשיכטען.

דער גייציגער ענאָך איז בעגאַנגען אַ נאַרישקייט. זאָרג'אָם האָט ער בעהאַלטען דאָס פערזיכערונגס פּאַפּיער, וועלכען

ער האָט ניט געקענט פֿערשטעהן. ער האָט געהאט אויף זיך פֿיעל שטעמפּלען און איז געווען אויסגעפֿילט אויף אַ גרויסע סומע: פֿילייכט וועט ער קענען אין אַ צייט ארום אָבריייזען און פֿאַרטבריינגען דעם פּאַפּיער. ער איז ניט געווען אַזוי רייך אום צו בראַקירען מיט דעם.

דער פּאַסטאָר האָט זיך אומגעדרעהט און געקוקט אויף דער שרפה. אין וואַלד האָט מען טיכטיג געאַרבייט. בוימער זיינען געפֿאַלען און עס האָט זיך געצויגן אַ ב־רייטער, פֿינס־טערער גראָבען. מעהרערע מענשען זיינען דאָרט צוגעקומען.

„דער פֿייער וועט פֿון זיך זעלבסט אויפֿהערען",—האָט לעוויאַן געזאָגט.

„גלויבסטו אַזוי"?

„ווען עס וועט צוקומען צום בעריאַזאָווען וואַלד, וועט זיך עס אויסלעשען".

און דאָס שיפֿעל מיט די דריי מענער האָט געדרודערט ביז טיעף אין ים־בוזעם אריין צום הויף פֿון דעם לענסמאַך

XII.

ווען דער פאסטאר איז אין אבענד אהיים געקומען, האט ער זיך צואוויינט. ארום איהם האבען זיך צונויפגעקליבען אזוי פיעל שרעקליבע זינד. ער איז געווען נידערשלאגען און שמערצליך געריהרט; איצט וועט זיין פרוי שוין ניט האבען אפילו די שיך, אין וועלכע זי האט זיך אזוי ביטער גענויטיגט. ענאך'ס גרויסע נדבה אויף גאטס אלטאר מוז צוריקגעגעבען ווערען, דאס איז גע'גנבה'טע געלד. און דאן וועט דער פאסטאר ווידער ליידען נויט.

ער איז גלייך ארויפגעגאנגען צו זיין פרוי. שוין אין דער טהיר האט איהם דורכגענומען א געפיהל פון פערצווייפלונג און פערדרום. זיין פרוי האט געגעהט. אויף'ן בארען זיינען געלעגען בגדים, א גאפעל און א וויש־שמאטע פון קיך זיינען געלעגען אויף'ן בעט צוזאמען מיט צייטונגען און שטריק־געצייג.

איין פאנטאפעל איז געשטאנען אויף'ן טיש. אויף איהר זיינען געלעגען א גרינע בעריעזעווע צווייגעל און א גרויסער פעלד־שטיין.

דער פאסטאר האט גענומען דאס צוזאמענקלייבען און רעכט צו מאבען, לויט זיין אלטער געוואוינהייט.

„דאס דארפסטו ניט טהון", האט זי געזאגט, איך וואלט

אליין אוועקגענומען דעם פאנטאפעל, ווען איך וואלט פאר־
טיג געוואָרען מיט דעם נאָהט".

„אָבער ווי אזוי קענסטו זיצען אין אזא מיש־מאש און
נעהען" !

זיין פרוי האָט זיך דערפון בעליידיגט און גאָרניט גע־
ענטפע־ט

„וואָס זאָל בעדייטען דער דאָזיגער פעלדשטיין" ? האָט
ער געפרעגט.

„ער בעדייטעט גאָרניט. איך האָב געפונען אונטען
אויף'ן שטראנד, ער איז מיר אזוי געפעלען געוואָרען".

ער האָט גענומען א בינטעל פערוועלקטע גראָזען, וואָס
זיינען געלעגען אויף'ן שפיגעל און האָט זיי צוזאמענגעקלי־
בען אין א צייטונג.

„יאָ, פיליכט קען דאָס נאָך צו עפעס נוצען" ? האָט
ער געפרעגט און שטעהן געבליבען.

„ניין, עס איז שוין צו אלט. דאָס איז שטשאַוו, איך
האָב פון דעם געוואָלט מאַכען א סאַלאַט".

„איבער א וואך איז עס דאָ געלעגען", — האָט ער
געזאָגט, „עס האָט איבערגעלאָזען א פלעק אויף'ן פאליטיר".

„יאָ, דאָס זאָלסטו אין אַכטונג נעהמען, קיין מענש
בעדאַרף ניט קויפען קיין פאָלירטע מעבעל, עס טויג צו
גאָרניט".

דאָ האָט דער פאסטאָר אויסגעבראכען אין א בייזען
געלעכטער. די פרוי האָט אוועקגעוואָרפען איהר נעהעריי
און איז אויפגעשטאַנען.

קיינמאָל אין לעבען האָט ער איהר ניט צו־וה געלאָזט,
נאָר ער פערבּיטערט איהר עקזיסטענץ מיט זיין נאַ־ישקייט.
און ווידער האָט אויסגעבראָכען איינע פון יענע אומזיניגע
און פרוכטלאָזע צווייטיגקייטען, וועלכע ווידערהאָ־ען זיך

שוין זייט 4 יאָהר מיט איינינע צווישענרוימען. דער פּאַסטאָר איז געקומען, אום מילד צו בעטען זיין ווייב, זי זאָל אָב־לעגען דאָס קויפען פון די שיך, אָבער עס איז פאַר איהם געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אונמעגליך דורכצופיהרען זיין וואונש; די גאַל איז איהם איבערגעלאָפען. זינט די יונג פרוי וואַן לאָאָז האט אָבגע־ייזט און זיין ווייב האָט איבער גענומען די הויז־פיהרונג, איז אין פּאַסטאָר־הויף אַלץ צו־געגאַנגען מיט׳ן קאָפּ אראָב. — „אַ חוץ דעם: קענסטו ניט אַביסעל מעהר בערענקליך בעלי בתי׳ווען אונטען אין קיך״? האָט ער געזאָגט.

„בערענקליך״? איך מיין אַז איך פיהר די ווירטהשאַפט בערענקליך. געהט עס דען דאָ ערגער צו ווי פריהער״?

„נעכטען האָב איך געפונען דעם מיסט־העמער פול מיט עסענוואַרג״.

„דו זאָלסט בעסער ניט שטעקען אומעדום דיין נאָז, וואָלט עס נאָך בעסער צוגעגאַנגען״.

„די טעג האָב איך אין איהם געפונען אַ גאַנצען באַרג פלוימען־גריץ, וואָס איז איבערגעבליבען פון מיטאָג״.

„יאָ, די דינסט־מיידלעך האָבען עס אזוי העסליך גענע־סען, אז איך האָב דאָס שוין מעהר ניט געקענט געברויכען״.

„אויך אַ גרויסען רעשט רייז־קאַשע האָב איך דאָרט געפונען״.

„די מילך איז געווען גערונען. אין דעם בין איך דאָך שוין אודאי ניט שולדיג״.

מיט אַ טאָג פריהער האָב איך אין מיסט־העמער גע־פונען אַן אָבגעקאָכטע און אָבגעשיילטע איי.

די פרוי האָט פערשוויגען, אָבער אויך אין דעם פונקט וואָלט זי זיך געקענט ריין וואַשען.

„אין גרונד גענומען, איז אונזער מצב ניט אזוי גלענ־

צענד", האָט געזאָגט דער פּאַסטאָר, און דו ווייסט דאָך, אַז די אייער קויפֿען מיר, די טעג האָט מען דער קאַץ געגע־בען אַ אייער־קוכען".

„דאָס איז איבע־געבליבען פֿון מיטאָג. אָבער דו ביסט ניט ביים רעכטען זינען, וויל איך דיר זאָגען; דו מוזט ווענען דיין צושטאַנד זיך ווענדען צום דאָקטאָר".

איך האָב דיר געזעהן, האַלטענדיג די קאַץ אויף די הענד און דו האָסט איהר צוגעטראָגען די מילך־שאָל, און דאָס זעהען אויך די דיענסט־מיידלעך און זיך לאַכען זיי פֿון דיר".

„זיי לאַכען שוין נאַרניט. אָבער דו, דו ביסט גייסטעס-קראַנק".

שליסליך איז דער פּאַסטאָר אַרונטער געגאַנגען אין זיין אַמט-צימער און די פֿרוי האָט ווידער בעקומען איהר פֿרידען.

אויף מאָרגען צום פֿריהשטיק האָט קיינער ניט געקענט בעמערקען אַז די פֿרוי האָט געליטען און טרויעריג געווען. דער גאַנצער קומער איז ווי אַוועקגעפֿלויגען פֿון איהר; גאָט צו דאַנקען, זי האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט פֿערגעסען אין דער גאַנצער קריגעריי. איהר פֿרעהליכער אימער־וועקסלענ־דער טעמפּעראַמענט האָט איהר געהאָלפֿען לייכט אַריבער־צוטראַגען אַלעס אין לעבען, דער פּאַסטאָר איז ווידער געווען גע־יהרט. האָט ער דען אַליין אויך ניט געקענט האַלטען דאָס מויל ווענען די אנגעלעגענהייטען פֿון דער הויז-פֿיהרונג.

די נייע יונגפֿרוי, וועלכע האָט איצט בעדאַרפֿט צו זיי אָנקומען, איז שוין מסתמא געזעזן אויף׳ן וועג צו צפון צו.

„ליידער וועסטו איצט ניט קענען בעקומען דיינע שיך", האָט ער געזאָגט.

„ניין, ניין," — האָט זי בלויז געענטפֿערט.

„די נדבה וואָס איך האָב ערהאַלטען פון ענאַך, מוז איך צוריקגעבען; ער האָט דאָס געלד גע׳גנבה׳ט״!

„וואָס זאָגסטו״!

„יאָ, שטעל זיך פאָר, ער האָט עס געטאַכט דעם איינ־ברוך ביי מאַקען. נעכטען האָט ער זיך מודה געווען פאַר׳ן לענסמאַן״. און דער פאַסטאָר האָט איהר אַלעס דערצעהלט.

„אויב אַזוי האָט עס דאָך ראַלאַנדסען גאָרניט גע־טהון״, — האָט די פרוי געזאָגט.

„אָה, דער בראַדיאַנע, דער אַרומטרייבער!... אָבער מיט די שיך מוזטו אַלזאָ איצט אָבוואַרטען״.

„אָה, סאַראַ צרה״!

אַזוי איז זי אימער געווען: אַ גוטעס קינד, בעריית אויף אַלע אָפּפער! און קיינמאָל האָט דער פאַסטאָר ניט געהער־ט, אַז זי זאָל זיך בעקלאָגען אויף איהר אָרעמקייט.

„אמת׳דיג, ווען דו וואָלסט נאָר געקענט אָנטהון מיינע שיך״, האָט ער געזאָגט, און עס איז איהם געוואָרען וויי אויף׳ן האַרצען.

די פרוי האָט הערצליך געלאַכט: „יאָ, און דו מיינע, כאַ, כאַ, כאַ״!

זי האָט אַזאַ שטויס געטהון זיין טעלער, דאָס ער איז אַרונטערגעפאַלען אויף דר׳ערד און זיך צובראָכען; דער קאַלטער קאָטלעט איז אויך מיטגעפאַלען „וואַרט, דו וועסט בעקומען אַן אַנדער טעלער״, — האָט די פרוי געזאָגט און איז אַרויסגעלאָפען.

קיין שום טאָן פון בעדויערונג וועגען דעם שאָדען! האָט געטראַכט דער פאַסטאָר; קיין שום שפור פון אַזעלכע געדאַנקען; אָבער אַ טעלער קאָסט דאָך אויך געלד!

„דו וועסט דאָך ניט עסען דעם קאָטלעט״? האָט גע־זאָגט די פרוי, ווען זי איז צוריק אַריינגעקומען.

„וואָס זאָלען מיר דען מאַכען מיט דעם"?—„וירקליך, מען קען דאָס אַוועקגעבען דער קאַץ".

„איך בין אָבער ניט אין אַזעלכע גוטע פערהעלטניסע ווי דו", — האָט ער געזאָגט, ווידער אָנגעכמורעט.

און עס וואָלט נאָכאַמאָל אויסגעבראָכען אַ ריכטיגע צאַנקעריי, ווען די פרוי וואָלט ניט פערשוויגען. אָבער די פרייד איז שוין פאַרביידען פערדאָרבען געוואָרען...

אויף'ן אַנדער טאָג איז בעקאַנט געוואָרען אַ נייע גרויסע פאַסירונג: ראָלאַנדסען איז פע־שוואונדען געוואָרען.

ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דער מציאה אין וואלד און אַז ענאָך האָט זיך מודה געווען האָט ער אין גרויס ערגערניש געזאָגט: „דאָס איז דאָך שוין צו פערדראָסיג! ווענינגסטענס איין חודש צו פריה". בעררע האָט דאָס גע־הערט. שפעטער צו אין אָבענד האָט מען ראָלאַנדסענען אין ערגעץ נים געקענט געפינען, נים אין שטיב נים אין דרויי־סען, אָבער דאָס שיפעל פון דעם בלאָזאַק־טרעטער, וואָס איז געלעגען אויף'ן ברעג לעבען דעם פאַסטאָר־הויף, איז פערשוואונדען געוואָרען צוזאַמען מיט אַלעם דעם וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, מיט די רודערס און פיש־פאַנג מכשירים.

אין ראָזענגאַארד האָט מאַק באַלד ערהאַלטען די נאָכ־ריכט, ווער עס איז געווען דער ריכטיגער גנב, אָבער מערק־ווירדיג ער האָט זיך ניט געאיילט צוקומען און פון דאָס ניי אָנצוגרייפען. פיליכט, האָט דער אַלטער מאַק געוואוסט וואָס ער טהוט. דער טעלעגראַפיסט ראָלאַנדסען האָט שוין פון איהם אַרויסגעקריגען אַ בעלוינונג און יעצט ווען ער מוזען אַ צווייטע בעצאָהלען, דאָס האָט זיך איהם נים גע־לוינט. ער איז געווען אַ עכטער מאַק און ער האָט זיך נים געקענט אויף דעם אָבשטעלען און קליינליך ווערען אין ריע־

זער עהרען־זאַך; אָבער אין דעם איצטיגען מאָמענט האָט ער זיך געפֿונען אין אַ שווערליכען צושטאַנד.

די פֿיעלע געשעפֿטען, וועלכע ער האָט געפֿיהרט, האָבען געפֿאָדערט גרויסע הוצאות און דאָס באַרע געלד איז שוין ניט אַריינגעפּלאָסען שטראָמענווייז, ווי פֿריהער. זיין גרויסער הערינג־רעזערוו איז געלעגען ביי אַן אַגענט אין בע־גען, אָבער די פּרייזען זיינען געשטאַנען נידעריגע און ער האָט עס ניט פֿערקויפֿט.

מיט אונגעדולד האָט מאַק ערוואַרטעט דעם סוף זומער: דענסטמאָלט איז יעדער פֿיש־פֿאַנג געענדיגט און די פּרייזען וועלען אָנהויבען שטייגען א חוץ דעם פֿיהרען די רוסען א קריג, דער אַקערבוי אין דעם גרויסען לאַנד וועט פֿערנאַכלעסיגט ווער־ען און צווישען דער בעפֿעלקערונג וועט זיין אַ גרויסע נאָכפֿראַגע אויף הערינג.

מעהרערע וואָכען האָט מאַק אויסגעמידען צו בעזוכען די פֿאַבריק, האָט ער דען ניט אויך דעם פּאַסטאָרס פֿרוי פֿערשפּראָכען אַ בעקעריי און וואָס זאָל ער איהר איצט ענטפֿערן? דער פֿונדאַמענט איז שוין געלעגט געוואָר־ען, די פּלאַנירונגס־ארבייט איז שוין געוועזן פֿאַרטיג, אָבער דאָס הויז האָט זיך ניט געבויט. מען האָט שוין ווידער אָנגעהויבען צו רעדען, אַז מאַקען וועט זעה־ שווער זיין אויפֿצובויען די בעקעריי. דאָס איז געגאַנגען אַזוי וויט, אַז דער בעקער פֿון לענסמאַנס הויף האָט ווידער אָנגעפֿאַנגען צו טרינקען, ער האָט זיך געפֿיהלט זיכער, אַז אַ בעקעריי קען מען ניט אויפֿבויען אין איין וואָך און ער האָט נאָך גענוג צייט זיך צו לאָזען וואויל געהן. ווענען דעם מאַן׳ס ריקפֿאַל האָט מען מודיע געווען דעם פּאַסטאָר און ער האָט זיך געווענדעט צום בעקער פּערזענליך, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפֿען, אַזוי זיכער האָט ער זיך געפֿיהלט.

טהאָטזעכליך, האָט דער פּאַסטאָר, דיזער אַרביימער אי גאָטס נאָמען, געהאט זעהר פיעל צו טהון. הגם ער האָט זיך ניט געשאָנעוועט, האָט זיך אָבער די אַרבייט אַלץ מעהר און מעהר צוזאַמענגעקליבען. איצט אפילו איז דער געהילף זיינער ענאָך אָבגעפאַלען, דער אויפריכטיגסטער פון זיי אַלעמען. אין עטליכע טעג אַרום נאָך זיין פאַל איז לע־וויאָן ווידער געקומען און איז געווען זעהר גענייגט ווידער איבערצונעהמען די שטעלע.

„דער הערר פּאַסטאָר קען איצט גאַנץ גוט איינזעהן, אז קיינער טויג זיך ניט אַזוי גוט פאַר א געהילף, ווי איך".

„מען האָט אויף דיר א פערדאַכט, אז דו האָסט די וואַלד־שרפה אָנגעמאַכט".

„דאָס האָבען אויסגעקלערט גנבים און שווינד־לער", — האָט לעוויאָן געענטפערט.

„גוט. אָבער יעדענפאַלס וועסטו ניט ווערן קיין געהילף".

„ווער וועט עס איצט ווערען" ?

„קיינער ניט. איך וועל זיך בעגעהן אָהן געהילפען".

אַזוי איז דער פּאַסטאָר געווען שטאַרק, גערעכט און אונבעזיעגבאַר אין אַלע אופנים. און גראַדע איצט האָט ער געהאט א גרונד זיך זעלבסט ניט צו שאַנעווען און זיך ריין האַלטען. די אייביגע נויט אין שטוב און די פיעלע מיס־ערפאָלגען אין זיין אמט, זיינען געווען ביכולת איהם צו דעמאָראַליזירען און ברייננען איהם צו א נידערפאַל ; פון צייט צו צייט זיינען ביי איהם ענטשטאַנען גאַנץ פערברע־כערישע געדאַנקען, וואָס וואָלט עס, למשל, אויסגעמאַכט, ווען ער זאָל שלום מאַכען מיט לעוויאַנען, און יענער פון זיין זייט וואָלט איהם אין א קליינעם מאַסשטאַב אַרויסגע־וויזען זיין דאַנקבאַרקייט ? ווייטער : מאַק פון ראָזענגאַרד האָט אָנגעבאָטען זיין הילף צו ווירדיגע נויט־בעדירפטיגע

מענשען; נו, גוט, ער איז דער גרעסטער אָרימאַן אין קירך-בעצירק, קען ער זיך דען ניט װענדען צו מאַקען נאָך הילף פֿאַר אַ נויטבעדירפֿטיגע פֿאַמיליע און בעהאַלטען די אונ-טערשטיצונג פֿאַר זיך אַליין? דענסטמאָל װעט אויך זיין פֿרוי האָבען שיך. ער אַליין נויטיגט זיך אויך אין פֿערשיע-דענעס: אַ פּאָר ביכער, עטליכע פֿילאָזאָפֿישע; ער איז פֿער-טריקענט געװאָרען אין זיין טאָג-טעגליכער אַרבייט און האָט אַ סך פֿערלאָרען אין זיין ענטװיקלונג. און דאָ דער ראָ-לאַנדסען, דיעזער מויל-העלד האָט מיט אַ גוטען עפֿעקט איינגעבילדעט זיין פֿרוי, אַז דאָס זיינען געװען די מענשען, װעלכע האָבען געמאַכט פֿון גאָט דאָס, װאָס ער איז. ביי אַ געלעגענהייט װעט ער עס איהם דערמאָהנען און פֿערשטאָ-פען דאָס מויל.

ענדליך איז געקומען מאַק. און ער איז געקומען װי געװעהנליך: פֿערנעהמליך און װירדיג; זיין טאָכטער עליזע איז געװען מיט איהם. אום צו זיין העפֿליך איז ער קודם כל געגאַנגען צום פּאַסטאָר; ער האָט פֿאַר קיין פֿאַל זיך ניט געװאָלט אַרויסדרעהען פֿון זיין פֿערשפּרעכען. די פֿרוי האָט געפֿרעגט װעגען דער בעקעריי. מאַק האָט בעדויערט, װאָס ער האָט זיך פֿריהער ניט געקענט נעהמען צו דער אַרבייט, נור דאָס האָט געהאַט גאַנץ בעדייטענדע גרינדע: די בעקעריי האָט איינפֿאַך ניט געקענט אויפֿגעבוים װערען דעם יאָהר צוליעב די װאַסער-גוסען. דאָ האָט די פֿרוי אַרויסגעלאָזען אַן אויסגעשריי פֿון ענטוישונג, אָבער דער פּאַסטאָר האָט געהאַט זיין קליינע שמחה.

„די פֿאַבליט זיינען געקומען און מיר װעגען דעם דער-צעהלט", האָט מאַק געזאָגט, „דעריבער מוז איך זיך אונטער-געבען. פֿריהלינג-צו קען דער פֿונדאַמענט זיך אַראָבלאָזען

אויף מעהרערע צאָהלען. און ווי וועט עס זיך אָנזעהן אויף דער געביידע״ ?

„יאָ, ווי וועט עס זיך דאַן אָנזעהן״, — האָט אויך דער פּאַסטאָר געזאָגט.

איבעריגעס, איז מאַק דורכאויס ניט געווען אין אַ גע־דריקטער שטימונג. דער זומער איז שוין פאָראיבער, אַלע הערינגס־פאַנגען האָבען זיך פאָלשטענדיג געענדיגט און אַ טעלעגראַמע פון די אַגענטען האָט איהם אויף׳ן שטעל מודיע געווען, אַז די פּרייזען האַלטען אין איין שטייגען. מאַק האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט עס דערצעהלט די פּאַסטאָר־לייט.

פון זיין זייט האָט דער פּאַסטאָר איהם געקענט מיט־טהיילען, וואו ראָלאַנדסען האַלט זיך אויף; אויף אַן אינזעל, וואָס ליגט ווייט אין ים צו מערב־זייט, לעבט ער גאַנץ אַליין, ווי אַ ווילדער. אַ מאַן און אַ פרוי זיינען פון דאָרט געקומען און דעם פּאַסטאָר געבראַכט די דאָזיגע ידיעה.

מאַק האָט תיכף ומיד אַוועקגעשיקט אַ שיפעל, וואָס זאָל ברייננען ראָלאַנדסענען.

XIII.

די זאַך איז געווען אַזוי, דאָס ענאָך׳ס זיך מודה־זיין האָט געט־אָפּען ראָלאַנדסאָנען ניט פֿאַרבעריים: איצט איז ער געווען פֿריי, אָבער ער האָט ניט געהאַט די פֿיער הונדערט טאָלער אָבצוגעבען מאַקען. און אַזוי איז עס געווען, דאָס ער האָט צוגענומען דעם בלאָזאַק־טרעטערס שיפֿל מיט די ווענטקעס און אַלע אַנדערע מכשירים און האָט ארויסגערודערט אין דער שטילער נאַכט. אַנדערטהאַלבען מייל איז ער געפֿאָהרען אויף׳ן אָפֿענעם ים, האָט גערודערט אַ גאַנצע נאַכט און אויף צו־מאָרגענס האָט ער אויפֿגעזוכט אַ פֿאַסיגען אינזעל. דאָ האָט ער געלאַנדעט. פֿערשיעדענע מינים פֿויגלען האָבען איהם אַרומגערינגעלט.

ראָלאַנדסען איז געווען הונגעריג און צוערשט האָט ער געוואָלט צוזאַמענקלייבען אויף מאָהלצייט אַ גוטע פּאָרציע וואַסער־פֿויגעל־אייער. נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פֿון די אייער זיינען שוין געוואָרען קורטשאַקעס. דאַן איז ער אַרויסגעפֿאָהרען אויף פֿיש־פֿאַנג און דאָ האָט איהם בעסער געגליקט.

איצט האָט ער געלעבט מיט פֿיש טאָג־איין טאָג־אויס, געזונגען, געלאַנגווייליגט זיך און רעגירט איבער׳ן אינזעל. אין אַ רעגענדיגען וועטער האָט ער געפֿונען אַן אָבדאַך אונטער אַ אונפֿערגלייכבאַר־שעהנעם פֿעלז. ביינאַכט איז ער

געשלאָפען אויף אַ גרינער לאָנקעלע און די זון איז קיינמאָל ניט אונטערגעגאַנגען.

צוויי, דריי וואָכען זיינען פערביינעגאַנגען; זיין עלענדע לעבענס־ווייזע האָט איהם שרעקליך אָבגעמאָגערט, אָבער זיין בליק איז געוואָרען אַלס פעסטער און ענטשלאָסענער. ער האָט ניט געוואָלט קאַפּיטולירען. ער האָט נור מורא געהאַט, אַז אימיצער זאָל קומען און שטערען איהם. מיט עטליכע נעכט צוריק איז צום אינזעל צוגעפאָהרען אַ שי־פעל, אין וועלכען עס האָבען זיך געפינען אַ מאַן און אַ פרוי, זיי האָבען געזאַמעלט פוך. זיי האָבען געוואָלט אַראָב־שטייגען אויף׳ן אינזעל, אָבער ראָלאַנדסען האָט זיי פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט צולאָזען; ער האָט זיי נאָך בעמערקט פון דער וויטענס און געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט; ער האָט אָנגעהויבען צו מאַכען אַזעלכע משונה׳דיגע פעכט־שטיק מיט דעם קליינעם אַנקער וואָס האָט בעלאַנגט צום בלאָז־זאַק טרעטער, דאָס די לייט האָבען זיך דערשראָקען און אַוועקגע־ודערט.

דאַן האָט ראָלאַנדסען אינערליך געלאַכט און האָט אויסגעזעהן ווי אַן אונהיימליכער טייוועל מיט זיין מאָגערען געזיכט.

איין פריהמאָרגען האָבען די פויגלען געליאַ־עמט מעה־רער ווי געוועהנליך און האָבען אויפגעוועקט ראָלאַנדסענען, ווען עס איז נאָך געווען זעהר פריה, כמעט נאַכט. ער זעהט ווי עס קומט אָן אַ שיפעל, עס איז גאַנץ נאָהענט. פאַר ראָלאַנדסענען איז עס געווען זעהר טרויעריג, וואָס ער איז אַזוי לאַנגזאַם נעקומען צום זינן דא קומט שוין אָן דאָס שיפעל און קומט גראַדע איצט העכבט אונגעווינשט פאַר איהם. אָבער ווען ער האָט זיך שוין דערצאָרענט, איז דאָס שי־פעל שוין אָנגעקומען, אַז ניט וואָלט ער נאָך געקענט זיי

אָנמאַכען שאָדען און וואָלט די לייט פערוואָרפען מיט שטיינער.

צוויי בעדיענטע פון מאַקס פאַבריק, פאָטער און זוהן, זיינען אַרויכגעשטיגען אויף'ן ברעג און דער אַלטער האָט געוואָ:שען ראָלאַנדסענען אַ גוטען טאָג.

„איך בין דורכאויס ניט צופריעדען מיט דיר און איך וועל דיר עטוואָס אָנמאַכען", האָט ראָלאַנדסען געענטפערט.

„וואָס זאָל דאָס זיין"? האָט געזאָגט דער מאַן און האָט אַביסעל אָנגעקוקט זיין זוהן.

„זעלבסטפערשטענדליך, איך וועל דיר דערוועגען. וואָס דענקסטו עפּעס וועגען דעם"?

„און מיר זיינען געקומען צופאָהרען מיט אויפטראַגען, וואָס מאַק אַליין האָט אונז געגעבען".

„נאַטירליך האָט זיי מאַק אַליין דיר געגעבען. איך ווייס וואָס ער וויל".

איצט האָט זיך אין געשפּרעך איך ארייננעמישט דער יונגערער און האָט בעמערקט אַז דער בלאָז־זאַק־טרעטער וויל האָבען צוריק זיין שפּעל און די ווענדקעס.

ראָלאַנדסען האָט אויסגעזעען פערבּיטערט: וואָס? איז דער מאַן משוגע? און וואָס זאָל איך טהון? איך וואוין אויף אַ וויסטען אינזעל, און אַז עס זאָל זיך מיר פערוועלען קומען צו מענשען מוז איך האָבען דאָס שפּעל; און אום זיך צו קענען שפּייזען, בּדאַרף איך האָבען די ווענדקעס צו כאַפּען פיש. גיב איהם איבּער דעם דאָזיגען גרוס".

„און אַ חוץ דעם האָט אונז דער נייער טעלעגראַפיסט געבעטען אייך איבערצוגעבען, דאָס וויכטיגע טעלעגראַמען זיינען אָנגעקומען פון אייערטוועגען און ליגען בעריים פאַר אייך.

ראָלאַנדסען איז אויפגעשפּרונגען. וואָס! שוין! ער האָט זיי געפאָרענט נאָך וועגען עפּעס, האָט בעקומען אַ

ענטפֿער און האָט זיי נאָכגעפֿאָלגט, ניט מאַכענדיג מעהר קיין שום אויסגעצוגענע.

דער זוהן האָט גערודערט דעם בלאָז־זאַק־טרעטערס שפּיעל און ראָלאַנדסען האָט זיך געזעצט אין דעם אַלטען׳ס שפּיעל.

אייף׳ן נאָז פֿון שפּיעל איז געשטאַנען אַ שפּייז־קאָרב; אַ פֿרעהליכע האָפֿנונג האָט ערוואַכט אין ראָלאַנדסענען, צו געפֿינט זיך ניט פֿילייכט דאָרט קיין פּראָוויאַנט. ער האָט געוואָלט פֿרעגען: „האָסטו ניט עפּעס צו עסען מיט זיך״? נור ער האָט בעהערשט דעם פֿערלאַנג וואָס איז ניט געוועזען אין איינקלאַנג מיט זיין ווירדע און האָט אָנגעהויבען צו פֿערטרייבען זיין הונגער מיט פּלוידערן.

„ווי אַזוי האָט מאַן ערפֿאַהרען, אַז איך בין דאָ״?

„מען האָט געזעהען זיי וועגען דעם. איינמאָל ביינאַכט האָבען איך געזעהן אַ מאַן און אַ פֿרוי, זיי זיינען געווען זעהר דערשראָקען״.

„יאָ, וואָס האָבען זיי דאָ געוואָלט, שטעל זיך פֿאָר, איך האָב ביי דעם אינזעל געפֿונען אַ נייעס פֿיש־פּלאַץ און איצט מוז איך פֿון דאָרטען אָבפֿאָהרען״.

„ווי לאַנג האָט איהר דאָ געדענקט צו פֿערבלייבען״?

„וואָס געהט עס דיר אָן״, האָט ראָלאַנדסען קורץ געענטפֿערט. ער האָט בעטראַכט די שפּייז־קאָרב, אָבער זיין שטאָלץ האָט איהם ניט ערלויבט אַרויסצוגעבען זיינע געפֿיהלען און ער האָט געזאָגט: „דאָס איז אַן אונגעוועהנליך העסליכע שפּייז־קאָרב, זי טויג אפילו ניט, מען זאָל אין איהר עפּעס אריינלייגען. וואָס קען דאָרטען זיין״?

„ווען איך זאָל האָבען אַזוי פֿיעל פֿלייש און שמאַלץ, פּוטער און קעז, וועלכע זיינען שוין איבערגעלעגען דאָ אין

קאַרב, וואָלט איך געווען פֿאַר־זאָרגט מיט עסען אויף פֿיעלע, פֿיעלע יאָהרען", האָט געענטפֿערט דער אַלטער.

ראָלאַנדסען האָט אָבגעהוסט און אַריינגעשפּיגען אין ים.

„ווען זיינען אָנגעקומען די טעלעגראַמען"? האָט ער געפֿרעגט.

„אָך, זיי זיינען שוין דאָ אַ שטיקעל צייט".

אויף'ן האַלבען וועג זיינען זיך די שיפֿלעך צוזאַמענגעקומען; פֿאָטער און זוהן האָבען זיך געקליבען אויפֿצועסען דעם מאָהלצייט, וואָס האָט זיך געפֿינען אין שפּייז־קאָרב.

ראָלאַנדסען האָט געקוקט אין אַלע ריכטונגען. דער אַלטער האָט געזאָגט: מיר האָבען דאָ אַביסעל עסענוואַרג אויב איהר נעהמט עס פֿאַר ליעב".

און די גאַנצע שפּייז-קאָרב האָט מען דערלאַנגט ראָלאַנדסענען.

ער האָט עס צוריקגעוויזען מיט דער האַנד און געענטפֿע־ט: „מיט אַן האַלבע שעה צוריק האָב איך געגעסען און האָב זיך ווי געהעריג אָנגעפֿילט. איבעריגעס, האָסטו קיים אַ בעגריף ווי גוט דורכגעבאַקען עס זעהט אויס דער ראָזינער זעמעל, ניין, אַ דאַנק, איך וויל עס בלויז אָנקוקען, נור אַ שמעק טהון"! און ראָלאַנדסען האָט ווייטער געפּלוידערט און געקוקט אין אַלע ווינט-ריכטונגען: „יאָ, יאָ, אייגענטליך לעבען מיר דאָ ביי אונז אין מערב-זייט גאַנץ פֿעט.

איך בין איבערציינגט, אַז ביי יעדען מאַן אין הויז הענגט אַ פֿלייש-קוגעל. און אַ חוץ דעם אויך שמאַלץ. נאָר דיעזער לעבענס־אַרט האָט אין זיך עטוואָס טהיערישעס"! ראָלאַנדסען האָט זיך אונצופֿרידען בעוועגט און געזאָגט: דו פֿרעגסט, ווי לאַנג איך האָב געזאָלט דאָ בלייבען? נאַטירליך, וואָלט איך פֿערבליבען ביז דער שניט-צייט און וואָלט געקוקט אויף די פֿאַלענדע — שטערענס. איך בין אַ גרויסער

פריינד פון עראייגניסע, איך האָב שפּאָס פון דעם, זעהענדיג ווי אַ וועלט-קערפּער ווערט צוריסען אין שטיקער".

„יאָ, דאָס איז עטוואָס, וואָס איך קען ניט פערשטעהן".

„נו יאָ, אַ וועלטקערפּער. ווען איין שטערן שניידערט דעם אַנדערען אַרויס פון זיין באַהן און וואַרפט אַרונטער פון הימעל.

אָבער דאָס עסען האָט לאַנג געדויערט און ראָלאַנדסען האָט אויסגערופען: אמת'ע חזירים זייט איהר ביים עסען. ווי קענט איהר דאָס די אַלע זאַכען אין אייערע מיילער אריינשטופּען" !

„איצט זיינען מיר פאַרטיג", האָט דער אַלטער געזאָגט הכנעה'דיג.

די שיפלעך האָבען זיך צושיידט און די מענער האָבען זיך ווידער גענומען צו די רודערס. ראָלאַנדסען האָט זיך אַנידערגעלעגט אין שיפעל, אום איינצושלאָפען.

נאָכמיטאָג זיינען זיי אָנגעקומען און ראָלאַנדסען איז באַלד געגאַנגען צו דער סטאַציאָן מכח זיינע טעלעגראַמען. עס זיינען געווען זעהר ערפרעהענדע נאַכריכטען בנוגע זיין ערפינדונג; זעהר אַ הויכען פרייז האָט מען איהם פון האַמבורג אָנגעבאָטען פאַר דעם פאַטענט און נאָך אַ העכערען פרייז האָט איהם אָנגעבאָטען אַ צווייטע פירמע דורך דעם ביורא. ראָלאַנדסען איז געווען זעהר אַ זעלטזאַמע בריאה. איידער צו קלעהרען וועגען דעם, ווי זיך צו פערשאַפען עפעס עסען, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין וואַלד און דאָרט פערבליבען אַ לאַנגע צייט גאַנץ אַליין. די אויפרעגונג האָט איהם געמאַכט פאַר אַ יונגלינג, פאַר אַ קינד מיט צוזאַמענגעלייגטע הענד ווי צו אַ תפילה.

XIV.

ער איז געגאנגען צו מאַקס קאַנטאָר און איז אַריינגעקומען דאָרט ווי אַ רעאַבילימירטער מאַן, יאָ, ווי אַ לייב.

דער פאַמיליע מאַק וועט זיין אַנבליק זיין איינגענטימליך צום האַרצען, עליזע וועט איהם פיליכט גראַטולירען און איהר אויפריכטיגע פריינדליכקייט וועט איהם הנאה טהון.

ער האָט זיך טועה געווען. ער האָט געטראָפען עליזען לעבען דער פאַבריק אין אַ געשפרעך מיט איהר ברודער; זי האָט זיך אַזוי וועניג געקימערט וועגען איהם, דאָס זי האָט קוים געענטפערט אויף זיין גרוס. און ביידע האָבען רוהיג פאָרטגעזעצט זייער געשפרעך. ראָלאַנדסען האָט זיי ניט געשטערט און ניט געפרעגט וועגען אַלטען מאַק. נור ער איז אַרויף צום קאַנטאָר און אָנגעקלאַפט אין טהיר. זי איז געווען פערשלאָסען. ער איז ווידער אַרונטערגעגאַנגען און געזאָגט: „אייער פאָטער האָט געשיקט נאָך מיר, וואו קען איך איהם טרעפען"?

ביידע האָבען זיך ניט געאיילט צו ענטפערן און האָבען דערענדיגט דעם געשפרעך; דאַן האָט פריעדריך געזאָגט:

„דער פאָטער איז אויבען ביי די שליוזען".

דאָס האָבען זיי דאָך מיר געקענט זאָגען גלייך ווי איך בין געקומען, האָט ראָלאַנדסען געטראַכט. ביידע זיינען זיי

געווען גאַנץ גלייכגילטיג, זיי האָבען איהם געלאָזען געהן צום קאָנטאָר, ניט מאַבענדיג קיין שום ערקלעהרונג.

„קענט איהר ניט אימיצען שיקען נאָך איהם"? האָט ראָלאַנדסען געפרעגט.

פ-יעדריך האָט לאַנגזאַם געזאָגט: „ווען דער פאָטער איז ביי שלאָזען, געפינט ער זיך דאָרט דערפאַר, ווייל ער איז דאָרט פערנומען".

ראָלאַנדסען האָט אויסגעגלאָצט אויף זיי די אויגען און האָט זיי ביידען אָנגעקוקט.

„איהר וועט נאָכאַמאָל מוזען קומען", האָט פריעדריך געזאָגט.

ראָלאַנדסען האָט איינגעשטימט דערצו און געזאָגט „יאָ, יאָ". דאַן איז ער אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט אָנגעהויבען אַביסעל איינצוביישען די ליפּען און נאָכדענקען. פּלוצלונג האָט ער זיך אומגעקעהרט און געזאָגט אָהן קיין שום הקדמה". „אויב איך בין אהערגעקו־מען איז עס געשעהן ניט דערפאַר ווייל איך האָב געוואָלט זעהן אימיצען אַנדערש,—איך האָב בלויז געוואָלט טרעפען אייער פאָטער, פע־שטאַנען"?

„קומט שפּעטער נאָכאַמאָל", — האָט פריעדריך געזאָגט.

„און ווען איך וועל איצט קומען צום צווייטען מאָל, טהו איך עס דע־פאַר, אום צו זאָגען אייך, אַז צום דריטען מאָל וועל איך שוין ניט קומען".

פריעדריך האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

„אָט קומט דער פאָטער", האָט עליזע געזאָגט.

דער אַלטער מאַק איז אָנגעקומען, ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, האָט עפּעס קורץ ארויסגעזאָגט און איז גע־גאַנגען אין קאָנטאָר ראָלאַנדסענען אין פאָראויס. ער איז געווען אונגנעדיג. ער האָט געזאָגט: „פאָריגען מאָל האָב

איך איך אָנגעבאָטען א שטוהל, איצט טהו איך עס נים".

„ניין, נאַטירליך ניט", — האָט ראָלאַנדסען געזאָגט. אָבער ער האָט נאָך ניט פערשטאַנען זיין דערצאָרנדקייט.

אָבער דעם אַלטער מאַק האָט ויין האַרטקייט ניט פערשאַפט קיין פערגניגען.

דיעזער מאַן, וועלכער האָט זיך פערזינדיגט געגען איהם געפינט זיך אין זיין מאַכט, אָבער ער בעזיצט צופיעל אי־בערלעגענהייט, אום זיך צו בענוצען מיט איהר. ער האָט געזאָגט: איהר ווייסט דאָך נאַטירליך וואָס דאָ איז פאָר־געקומען?"

ראָלאַנדסען האָט געענטפערט:

„איך בין געוועזען אַבוועזענד, דאָ האָט פיעלעס געקענט פאַסירען, פון וואָס איהר ווייסט, אָבער ניט איך".

„איך וועל אייך מיט דעם בעקאַנט מאַכען". האָט מאַק געזאָגט. און אין דעם דאָזיגען מאָמענט איז ער געוועזען ווי א קליינער נאָט וואָס האַלט אין זיין האַנד דעם שיקזאַל פון א מענשען. „האָט איהר מאַקע אין דער אמת'ן פערברענט מיין לעבענס־פאַלים"? האָט ער געפרעגט.

„עס איז פיעל מעהר ווי דאָס", האָט אָנגעהויבען ראָ־לאַנדסען, „איך, אויב איהר ווילט מיר אויספרעגען..."

„אָט איז עס", — האָט מאַק געזאָגט און האָט בעוויזען דעם דאָקומענט. דאָס געלד האָט זיך אויך געפונען. אַלעס איז געלעגען אין א טוך, וועלכע בעלאַנגט ניט צו אייך".

ראָלאַנדסען האָט ניט פראָטעסטירט.

מאַק האָט פאָרטגעזעצט: עס בעלאַנגט צו ענאָך'ן".

ראָלאַנדסענען האָט זיך געגלוסט צו לאַכען איבער דער דאָזיגער פייערליכקייט און ער האָט שפאַסהאַפט געזאָגט:

„איהר וועט נאָך זעהן, זיכער איז ענאָך דער גנב".

אָבער מאַקען איז זיין שפאַס ניט געפעלען געוואָרען;

דאָס זיינען בשום אופן ניט געווען קיין רעספּעקטפֿולע שפּאַסען. „איהר האָט מיר ארויסגעשטעלט צום נאַרען", האָט ער געזאָגט „און מיר געמאַכט צו בעצאָהלען 400 טאָלער."

ראָלאַנדסען, וועלכער איז דא געשטאַנען מיט זיינע ווערטהפֿולע טעלעגראַמען אין קעשענע האָט ניט געוואָלט זיין ערנסט. „מיר וועלען זיך אַביסעל איבערלעגען", האָט ער געזאָגט.

דאָ האָט מאַק געזאָגט אין אַ שאַרפֿען טאָן: „פֿאָריגעס מאָל האָב איך אייך פֿערגעבען, איצט טהו איך עס ניט".

„איך בין געקומען אייך צוריק צאָהלען דאָס געלד".

מאַק איז געוואָרען אויפֿגעבראַכט:

„פֿון איצט אָן שפּילט דאָס געלד פֿאַר מיר קיין שום ראָלע ניט. איהר זייט אַ בעטריגער, ווייסט איהר דאָס"?

„ערלויבט איהר מיר, אַז איך זאָל אייך געבען אַן ער־קלעהרונג? ניין, דאָס איז דאָך שוין צו אונפֿערנינפֿטיג. וואָס ווילט איהר דען פֿון מיר.

„איך וועל אייך לאָזען אַרעסטירען", האָט מאַק געזאָגט.

פֿריעדריך איז אַרייגעקומען און זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ ביים פּולט. ער האָט געהערט די לעצטע ווערטער און בעמערקט זיין פֿאָטערס אויפֿרעגונג, אַ זאַך וואָס פֿלעגט פּאַסירען זעהר זעלטען.

ראָלאַנדסען האָט אַריינגעשטעקט די האַנד אין קעשענע ארויסצונעהמען די טעלעגראַמען און געזאָגט: ווילט איהר אָבער ניט נעהמען דאָס געלד?

„ניין", האָט געענטפֿערט דער אַלטער מאַק. איהר קענט עס איבער־געגעבען צום מאַגיסטראַט".

ראָלאַנדסען איז שטעהן געבליבען; ער האָט שוין ניט אויסגעזעהן מעהר ווי אַ לייב; ווי ניט ווי, ער איז אָבער־אַריינגעפֿאַלען אין אַ מיאוס'ער געשיכטע און מען קען איהם

פערהאַלטען. גוט! און ווען מאַק האָט איהם פרענענד אָנ־געקוקט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס ראָ־לאַנדסען שטעהט נאָך אַלץ דאָ, האָט ער געענטפערט: „איך וואַרט מען זאָל מיר פערהאַפטען".

מאַק האָט געזאָגט געפּלעפּט: דאָ? ניין, איהר קענט געהן אַהיים און זיך צוגרייטען".

„איך דאַנק זעהר, איך האָב נאָך עטליכע טעלעגראַמען אָבצושיקען".

דיעזע ווערטער האָבען מאַקען מילדער געמאַכט; סוף כל סוף איז ער דאָך ניט קיין מענשען־פרעסער. „איהר קענט נאַטירליך אויסנוצען היינטיגען און מאָרגענדיגען טאָג, אום צו מאַכען אייערע פאָרבערייטונגען", — האָט ער געזאָגט.

ראָלאַנדסען האָט זיך פערנייגט און איז ארויסגעגאַנגען.

אין דרויסען איז נאָך אַלץ געשטאַנען עליזע; ער איז איהר פערבייגעגאַנגען, ניט בעגריסענדיג זיך; פערלאָרען איז פערלאָרען, מ'קען שוין גאָרניט מאַכען. זי האָט איהם שטיל נאָכגערופען. געטראָפען און איבעררראשט איז ער שטעהן גע־בליבען און האָט איהר שטאַרק אָנגעקוקט.

„איך האָב אייך בלויז געוואָלט זאָגען, דאָס... ס'איז נאָך ניט אַזוי געפעהרליך".

ער האָט אַבסאָלוט גאָרניט פערשטאַנען און נאָך ווע־ניגער איז געווען פאַר איהם פערשטענדליך דאָס, וואָס זי ניט זיך איצט אָב מיט איהם. „איך דאַרף אַהיים געהן איך האָב נאָך צו בעזאָרגען אַ פּאָר טעלעגראַמען", — האָט ער געזאָגט.

זי איז צו איהם צוגעגאַנגען; איהר ברוסט האָט זיך בעוועגט אַרויף און אַראָב, זי האָט אויסגעקוקט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געפיהלט ניט זיכער. זי האָט געזאָגט: „דער

פאָטער איז וואהרשיינליך געווען שטרענג, נאָר דאָס וועט זיכער פאָראיבערגעהן".

ראָלאַנדסען האָט זיך געערגערט. האָט ער אליין שוין נאָר קיין רעכטע ניט? „אייער פאָטער קען האַנדלען ווי ער וויל", האָט ער געענטפער־ט.

אַזוי איז עס געווען! אָבער זי האָט נאָך אַלץ שווער געאָטהעמט און געזאָגט: „יאָס קוקט איהר מיר אַזוי אָן? דערקענט איהר מיר שוין ניט?"

רחמנות, ניט מעהר ווי רחמנות.— ער האָט געענטפערט: „מענשען דערקענען זיך איינע די אַנדערע אָדער דערקענען זיך ניט לויט דעם, ווי זיי ווילען עס האָבען".

א פויזע. עליזע האָט שליסליך געזאָגט: „איהר מוזט דאָך זעלבסט אַנערקענען, אַז דאָס וואָס איהר האָט... נו, איהר אַליין ליידעט נאָך פון דעם אַם שווערסטען".

„גוט, מעג איך פון דעם אַם שווערסטען ליידען. איך וויל אָבער לגמרי ניט האָבען די דאָזיגע אַלע איבערפאַלען פון אַ ליאַדע פערזאָן. זאָל מיר אייער פאָטער אַרעסטירען.

זי איז אַוועק פון איהם, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט....

ער וואָרט צוויי, ער וואָרט דריי טעג און קיינער קומט ניט אין בערעס הויז איהם אַוועקצונעהמען. ער האָט געלעבט אין דער ג־עסטער שפּאַנונג. זיינע טעלעגראַמען האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבען און געהאַט בדעה זיי אַוועקצושיקען אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען מען וועט איהם פערהאַפטען; ער האָט בעשלאָסען אָנצונעהמען דעם העכסטען אָנבאָט פאַר זיין ערפינדונג און פערקויפען דעם פאַטענט. דערווייל האָט ער ניט פע־שווענדעט זיין צייט אין נאַרנים; ער האָט געפיהרט פערהאַנדלונגען מיט אייסלענדישע פירמען איבער פערשיעדענע ענינים, וועגען דעם אָבקויף פון וואַסער־פאַל נעגענאיבער מאַקס פאַבריק, וועגען

דער פֿערזיכערונג פֿון טראַנספּאָרט. דיזע אַלע אנגעלעגענ־הייטען האָבען זיך געפֿונען אין זיינע הענד.

אָבער מאַק איז ניט געווען דער מאַן, וואָס זאָל פֿער־פֿאָלגען זיין מיט־מענשען. אין געגענטהייל, אין זיין געשעפֿט איז אַלץ ווידער געשטאַנען ווי אָם בעסטען און אין גינסטיגע צייטען האָט ער ליעב געהאַט צו זיין פֿערשווענדעריש גוט־מוטהיג. אַ נייע טעלעגראַמע פֿון דעם אַגענט אין בערגען, האָט איהם מודיע געווען, דאָס די הערינג זיינען פֿערקויפֿט געוואָרען אין רוסלאַנד. אויב מאַק דאַרף האָבען געלד, שטעהן זיי גרייט פֿאַר איהם.

אַזוי, איצט איז ער ווידער געווען אויבען־אָן.

ווען עס איז פֿערביינגעגאַנגען אַ וואָך און קיין זאַך האָט ניט געענדערט די לאַגע, איז ראַלאַנדסען ווידער אַרונטער־געגאַנגען צו מאַק'ס קאַנטאָר. די געשפּאַנטקייט און אונ־בערוהיגקייט האָבען איהם אויסגעמאַטערט און ער האָט גע־וואָלט בעקומען אַן ענטשיידונג.

„אַ גאַנצע וואָך האָב איך געוואַרט און איהר האָט מיר ניט געלאָזען פֿערהאַפֿטען", האָט ער געזאָגט.

„יונגערמאַן, איך האָב מיר די זאַך אָביסעל איבערלעגט, האָט מאַק געענטפֿערט. „אַלטערמאַן, איהר זאָלט עס באַלד ברייינגען צו אַן ענטשיידונג"! האָט ראַלאַנדסען ענערגיש געזאָגט. איהר מיינט, אַז איהר קענט עס אָבציהען אַ גאַנצע אייביגקייט און מיר לאָזען וואַרטען און זיך וואָרעמען אין אייער גנעדיגקייט; אָבער איך ווייס וואָס צו טהון. איך וועל זיך זעלבסט צו־שטעלען".

„היינט, יעדענפֿאַלס, האָב איך פֿון אייך ערוואַרטעט אַ גאַנץ אַנדער שפּראַך".

„איך וועל אייך ווייזען, וואָס פֿאַר אַ שפּראַך איהר האָט צו ערוואַרטען", האָט ראַלאַנדסען אויסגערופֿען אין אַ

איבערטריבענעם הויכען טאָן און האָט אַ וואָרף געטהון די טעלעגראַמע פאַר דעם סוחר'ס אויגען. זיין נאָז האָט אויסגעזעהן נאָך גרעסער ווי אין די פריהערדיגע צייטען, ווייל זיין געזיכט איז געוואָרען אַזוי מאָגער.

מאַק האָט אַראָבגעלאָזען זיינע אויגען צו דער טעלעגראַמע, „איהר זייט געוואָרען אַן ערפינדער"! האָט ער געזאָגט. אָבער וואָס ווייטער ער האָט געלייענט אַלץ מעהר האָט ער צוזאַמענגעדריקט זיינע אויגען און אויפמערקזאַמער געקוקט. „פיש-ליים"? האָט ער געזאָגט צולעצט. און דאַן האָט ער אויף'ם ניי אָנגעהויבען צו לייענען די טעלעגראַמע. „עס מיינט מאַקע צו זיין פיעל פערשפּרעכענד"? האָט ער געזאָגט און אַ קוק געטהון אויף ראַלאַנדסענען. „איז עס מאַקע אמת, דאָס מען באַט אייך אַן אַזאַ הויכע סומע פאַר דער ערפינדונג פון פיש-ליים".

„יאָ".

„דאַן גראַטולירט איך אייך. אָבער איהר זאָלט זיך אויף אַזוי פיעל גרוים אַרויסווייזען, און ניט בענעהמען זיך אונהעפ־ליך געגענאיבער אַן אַלטען מאַן".

איהר זייט, נאַטירליך, גערעכט אָבער די געשפּאַנטקייט האָט מיר זעהר אויסגעמאַטערט. איהר האָט פערשפּראָכען מיר צו לאָזען אַרעסטירען און איצט לאָזט זיך עס אויס מיט גאָרניט".

„איך מוז אייך זאָגען ווי אַזוי עס איז געשעהן. מען האָט זיך אַריינגעמישט. איך האָב אייך געוואָלט אַרעסטירען".

„ווער האָט זיך אַריינגעמישט"?

„איהר ווייסט דאָך, די ווייבער. איך האָב אַ טאָכטער. עליזע האָט געזאָגט: „ניין".

„דאָס איז זעהר אייגענטימליך", האָט געזאָגט ראַלאַנדסען.

מאַק האָט ווידער אַריינגעקוקט אין דער טעלעגראַמע.

דאָס איז דאָך, באמת, גרויסאַרטיג. קענט איהר מיר ניט אַביסעל בעקאַנט מאַכען מיט אייער ערפינדונג״?

און ראָלאַנדסען האָט איהם עטוואָס בעקאַנט געמאַכט.

„זיינען מיר, הייסט עס, אויף אַ געוויסען אַרט קאָנקור־רענטען״, האָט געזאָגט דער אַלטער מאַק.

„ניט נור אויף אַ געוויסען אַרט. פון דעם מאָמענט אָן, ווי איך שיק נור אַוועק מיין ענטפער, זיינען מיר עס שוין ווירקליך״.

„אַזוי״? האָט מאַק געזאָגט דערש־אָקען. „וואָס ווילט איהר מיט דעם זאָגען? ווילט איהר אָנפאַנגען פאַבריצירען״?

„יאָ. געגענאיבער אייער וואַסערפאַל ליגט אַ צווייטער, אַ פיעל גרעסערער וואַסערפאַל. ער ברויכט ניט קיין שליוזע״.

„דאָס איז לעוויאַן׳ס וואַסערפאַל״.

„איך האָב איהם געקויפט״.

מאַק האָט געקנייטשט דעם שטערן און זיך פערטראַכט.

„אַלזאָ זיינען מיר קאָנקורענטען״, האָט ער געזאָגט.

ראָלאַנדסען האָט געענטפערט: דערביי וועט איהר פערלירען.

אָבער די דאָזיגע שפראַך האָט אַרויסגערופען אַלץ מעהר און מעהר ערגערניש ביי דעם גרויסען הער־רן: ער איז ניט געוואָהנט געווען צו דעם און האָט עס ניט געקענט דולדען.

„איהר פערגעסט אַזוי ערשטוינליך—אָפט, אַז איהר זייט נאָך אין מיין האַנד, האָט ער געזאָגט.

„לאָזט מיר נור פערהאָפטען. שפּעטער וועט מיין רייהע קומען״.

„אַך, וואָס ווילט איהר טהון״?

ראָלאַנדסען האָט געענטפערט: „איך רואינירען״.

עס איז אַריינגעקומען פריעדריך. ער האָט גלייך גע־זעהן אַז עס איז פאָרגעקומען די ענדערונג אין דעם גאַנג

פון געשפרעך און עס האָט איהם געערגערט וואָס זיין פאָ־טער טרייבט נים ענדליך אַרויס דעם ענטזאַגטען טעלעגראַ־פיסט מיט'ן לאַנגען נאָז.

ראָלאַנדסען האָט הויך געזאָגט: „איך מאַך אייך אַ פאָרשלאַג: מיר נוצען איים די ערפינדונג געמיינזאַם. מיר װאַנדלען אום די פאַבריק און איך פערוואַלט מיט איהר. מיין פאָרשלאג איז גילטיג פאַר פיער און צוואַנציג שטונדען"!

איבערלאָזענדיג די טעלעגראַמען איז ראָלאַנדסען אַרויס־געגאַנגען פון צימער.

XV.

הערבסט־צייט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען, און וואַלד האָט געשטורמט, דער ים איז געווען געלב און קאַלט און אויפ'ן הימעל האָבען זיך בעוויזען שטערענס. אָבער אָווע ראָלאַנד־סען האָט שוין מעהר קיין צייט ניט געהאַט נאָכצוקוקען די פֿאַלענדע שטערען, הגם ער איז נאָך אַלץ געווען אַ פֿריינד פֿון נאַטור־ערשיינונגען. פֿאַר דער לעצטער צייט זיינען אויף מאַק'ס פֿאַבריק געווען טהעטיג פֿיעלע בוי־לייט; דאָ האָבען זיי אַרונטערגעריסען, דאָרט אויפֿגעבויט, לויט ראָלאַנדסענס אָנווייזונג, וועלכער האָט געהאַט די ממשלה איבער אַלעם. ער איז איבערגעקומען אַלע שוועריגקייטען און האָט דער־גרייכט צו אַ הויכען כבוד.

„איינענטליך האָב איך דעם מאַן שטענדיג געשעצט", האָט געזאָגט דער אַלטער מאַק.

„איך ניט", האָט געענטפֿערט די שטאָלצע עליזע. וואָס פֿאַר חוצפה'ניק ער איז געוואָרען. עס קוקט אויס, אַזוי ווי ער וואָלט אונז גערעטעט.

„נו, אַזוי שלעכט וועט דאָס נאָך ניט זיין".

„ער בעגריסט זיך, אָבער ער וואַרט ניט אויף קיין ענט־פֿער און געהט פֿערביי".

„ער איז פֿערנומען".

„ער האָט זיך אַריינ'גע'גנבה'ט אין אונזער פֿאַמיליע, דאָס וואָס ער האָט", זאָגט עליזע מיט אַ בלייכען מויל. „וואו מיר זאָלען ניט זיין, איז ער אויך פֿאַרהאַן. אָבער אויב ביי איהם אין קאָפּ פּלאַנעוועט זיך עפּעס וועגען מיר, איז ער זיך טועה".

עליזע איז אָבגעפֿאָהרען אין שטאָט אַריין.

און טראָצדעם איז אַלעס געגאַנגען ווי געוועהנליך, ס'האָט אויסגעוויזען אַז מען קען אויסקומען אָהן איהר.

אָבער איצט איז די זאַך אַזוי געוועזן: פֿון דעם מאָ־מענט אָן, ווען ראָלאַנדסען האָט געמאַכט שותפות מיט מאַ־קען, האָט ער זיך זעלבסט געגעבען די פֿערשפּרעכונג טיכ־טיג צו אַרבייטען און ניט איבערלאָזען זיך קיין צייט צו טרוימען וועגען אַנדערע געגענשטאַנדען זומער קען מען טרוימען אָבער דערנאָך הערט מען אויף אָבער מאַנכע טרוימען זייער גאַנצען לעבען און קענען זיך שוין ניט אַי־בערבייטען. אָט אַזוי איז געוועזן די יונג־פֿרוי וואָן לאָאָז אין בערגען. ראָלאַנדסען האָט פֿון איהר ערהאַלטען אַ בריעף, אַז זי אַכטעט איהם ניט ווענינער פֿון זיך זעלבסט, ווייל ער האָט זיך ניט בעפֿלעקט מיט דער גנבה, נור ער האָט בלויז געשפּילט אַ קאָמעדיע. און אויב עס איז נאָך ניט צו־שפּעט נעהמט זי צוריק איהרע ווערטער מכח דער צושיידונג.

אין אָקטאָבער איז אַהיים געקומען עליזע מאַק. עס האָט געהייסען, אַז זי איז פֿעסט פֿערלאָבט און איהר חתן העגריך בורנום הענריקסען, דער קאַפּיטאַן פֿון דעם קוסטען־שיף וועט קומען אויף אַ בעזוך צו מאַק'ן.

אין דעם גרויסען זאַל פֿון ראָזענגאַרט האָט געזאָלט שטאַטפֿינדען אַ באַל; אַ דייטשע מוזיק־טרופּע וועלכע האָט בעזוכט פֿינמאַרקען און האָט זיך איצט צוריקגעקעהרט

אַהיים, איז איינגעלאַדען געוואָרען צו שפּילען אויף טראָמ־פּיטען און פלייטען. דער גאַנצער קירך־בעצירק איז איינ־געלאַדען געוואָרען צום באַל, ראָלאַנדסען אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע, און אויך דעם קוסטערס טאָכטער אָלגאַ וועט קו־מען און וועט אויפגענומען ווערען אַלס פריעדריך'ס צוקונפ־טיגע פרוי.

אָבער דער פּאַסטאָר און זיין פרוי האָבען ניט געקענט קומען. איצט איז בעשטימט געוואָרען אַ נייער פּאַסטאָר און פון טאָג צו טאָג האָט מען איהם ערוואַרטעט; דער גוטער פּאַסטאָר, וועלכער האָט צייטווייליג מטלא מקים געווען דעם נייעם, איז בעשטימט געוואָרען אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין צפון, וואו אַ צווייטע געמיינדע איז געווען אָהן אַ פּאַסטוך. ער האָט גאָרניט געהאַט דאַגעגען צו אָקערן און זייהען אויף אַ נייעם ערד־רייך, דאָ איז זיין אַרבייט ניט אימער געווען געבענשט פון גליק. דאָך האָט ער געקענט צוריק־בליקען אויף אַן ערפאָלגרייכע אַרבייט ויינע. ער האט עס דורכגעפיהרט, אַז לעוויאָנס שוועסטער זאָל זיך ערשינערן אין דעם איינציגען טאָג, וועלכער האָט געהאַט די פליכט מיט איהר צו הייראַטהען. ער איז געווען דער סטאָליאַר פון קירך־בעצירק, אַ הויז־אייגענטהימער וואָס האָט געהאַט אַ שפּאָר ביסעל שילינגער אונטער'ן קישען. ווען זיי זיינען געשטאַנען פאַר'ן אַלטאַר און דער פּאַסטאָר האָט זיי געבענשט, האָט ער גע־האָט אַ געוויסען געפיהל פון צופרידענהיים, דורך אונער־מידליכע זאָרגזאַמקייט קען מען פונדעסטוועגען דאָ און דאָרט אויסבעסערן די זיטען.

אָך, עס וועט זיך שוין אַלץ איינאָרדנען, גאָט צו דאַנ־קען! האָט געטראַכט דער פּאַסטאָר. אין זיין בעלי־בית'יש־קייט איז איצט ווידער איינגעפיהרט געוואָרען אַביסעל אָרד־נונג; די נייע הויז־מידעל איז שוין געקומען, זי איז געווען

בעיאהרענט און סאליד; ער האט געהאט בדעה איהר מיט־צונעהמען איך איף'ן נייעם פלאץ אלעס האט זיך אויסגע־גלייכט צום גוטען, דער פאסטער איז געווען א שטרענגער מענש, אבער קיינער האט פון דעסטוועגען אויף איהם קיין פעראיבעל ניט געהאט; ווען ער איז געקומען אונטען צום אבפאהר־פלאץ, זיינען פיעלע געקומען פון איהם אבשיעד נעהמען.

וואס אנבעלאנגט ראלאנדסענען, האט ער ניט געוואלט אויכלאזען די געלעגענהייט צו שפילען דעם העפליכען. מאק'ס שיפעל מיט דריי מאן האט שוין געווארט אויף איהם, אבער ער האט ניט געוואלט ארייננשטייגען ביז וואנען די פאסטאר לייט וועלען ניט אבפאהרען כשורה

פאר דער דאייגער העפליכקייט האט דער פאסטאר געמוזט בעדאנקען ראלאנדסענען, ניט אבטענדיג אויף דעם וואס עס איז ביז איצט געשעהן. און פונקט אזוי ווי מיט א לענגערע צייט צוריק האט מען געלאזען דעם געהילף לע־וויאן אריבערטראגען דעם פאסטאר פרוי אויף'ן לאנד, אזוי איצט האט מען איהם ערלויבט איהר ארויפצוטראגען אויף'ן שיף. איך לעוויאנס צוקונפט וועט העלער ווערן, דער פאסטאר האט פערשפראכען צו טהון אלץ וואס איז מעגליך, אז ער זאל ווידער בעקומען זיין פאסטען אלס געהילף.

אלעס איז געגאנגען צום גוטען.

„ווען איהר וואלט ניט געדאפט פאהרען אויף צפון און איך אויף דרום, וואלטען מיר געקענט צוזאמען ריי־זען", — האט ראלאנדסען געזאגט.

„יא", האט דער פאסטאר געענטפערט.

„אבער מיר דארפען ניט פערגעסען, ליעבער ראלאנד־סען, דאס הגם איינער פאהרט נאך צפון און דער אנדערער נאך דרום, וועלען מיר זיך אבער אלע טרעפען אויף איין

און דעמזעלבען ארט"! דער פאסטאר אלזא איז פערבליבען אויסגעהאלטען און גוט געשטימט ביז צום סוף.

זיין פרוי איז געזעסען אויף'ן נאז פון שיף אין איהרע אלטע טרויריגע שיך. זיי זיינען געוועזען פערלאטעט, אבער האבען אויסגעקוקט נאך העסליכער. דעם פאסטארס פרוי אבער האט זיך וועגען דעם ניט געקימערט; איהרע אויגען האבען געפינקעלט און זי האט זיך געפרעהט מיט דעם, וואס זי קומט אויף א נייעם ארט און וועט זעהן ווי מען לעבט דארט. מיט אביסעל בעדויערונג האט זי געטראכט וועגען דעם גרויסען פעלד־שטיין, וועלכען דער פאסטאר האט עקשנות'דיג ניט ערלויבט מיטצונעהמען, חאטש ער איז געוועזען זעהר שעהן.

זיי זיינען אבגעפאהרען. און מען האט געפאכעט מיט קאפעליושען, היטלען און טאשענטיכלעך; פון שיפעל און פון ברעג האבען זיך געלאזט הערען אבשיעדס-בעגריסונגען.

און איצט איז ראלאנדסען א־יינגעשטינען אין שיפעל. נאך היינט אבענד מוז ער זיין אין ראזענגאארד, וואו עס ווערט געפייערט דאפעלטע תנאים. אויך די דאזיגע געלעגענהייט, צו שפילען דעם העפליכען, האט ער ניט געוואלט דורכלאזען. און אזוי ווי אויף'ן מאסט-בוים פון מאקס שיפעל איז ניט געוועזען קיין ווימפעל, — האט ער ביי די שיפלייט איסגעבאגט א פ־אבטפולען ווימפעל פון א צעהן־רודער־שיף, געפא־בט רויט און ווייס און האט איהם געהייסען אויפהויבען איידער ער איז אבגעפאהרען.

אבענד־צו איז ער אנגעקומען. מען האט געקענט זעהן, אז די גרויסע האנדעלהויז פייערט א יום טוב. אין ביידע עטאזשען זיינען די פענסטער געוועזען בעלויכטען און אלע שיפען אין האפען זיינען געוועזען בעהאנגען מיט פאהנען, כאטש עס איז געוועזען גאנץ דונקעל. ראלאנדסען האט

געזאָגט צו זײַנע רודערער: „איהר געהט איצט אויף׳ן ברעג און שיקט מיר אהער דרײַ אַנדערע; דרום מיט־נאַכט וויל איך צוריק פאָהרען צום פאַבריק".

ראָלאַנדסען איז גלײַך אויפגענומען געוואָרען פון פריעד־ריך׳ען. פריעדריך איז געווען גוט געשטימט; איצט האָט ער געהאַט די גרעסטע אויסזיכט צו ווערען שטורמאַן אויף דעם קיסטען־דאַמפּפער, חתונה האָבען און ווערען אַ מענש פאַר זיך. אויך דער אַלטער מאַק איז געווען צופריעדען און ער האָט געטראָגען דעם אָרדען, מיט וועלכען דער קעניג האָט איהם בעלוינט אויף זײַן טור איבער פינמאַרקען. עליזען און דעם קאַפּיטאַן הענריקסען האָט מען אין ערגעץ ניט גע־קענט זעהן; זיי האָבען אודאי פערבראַכט ערגעץ וואו אין אַ ווינקעל פאַר זיך.

ראָלאַנדסען האָט אויסגעטרונקען עטליכע גלעזער און דאָס האָט איהם בערוהיגט און געמונטערט. מיט דעם אַל־טען מאַק האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך איבער געשעפטליכע אַנגעלעגענהייטען: ער האָט איצט אויסגעפונען דעם פאַרב־שטאָף. כאָטש פון אויבען־אויף האָט דער דאָזיגער פאַרב־שטאָף געשײַנט צו זײַן ניט פון בעזונדערער וויכטיגקייט, דאָך וועט ער פיליכט ווערען אַ הויפּט־פּראָדוקט; ראָ־לאַנדסען דאַרף האָבען מאַשינען און אַפּאַראַטען פאַר דעס־טילאַציאָן. עליזע איז אָנגעקומען, זי האָט ראָלאַנדסענען אַרײַנגעקוקט גלײַך אין געזיכט, האָט הויך געזאָגט — גו־טען אָבענד און האָט .יך פערנייגט. ער האָט זיך אויפגע־הויבען און געגריסט, אָבער זי איז פערבײַגעגאַנגען.

„זי איז היינט אָבענד אַזוי בעשעפטיגט", — האָט גע־זאָגט דער אַלטער מאַק.

„דאַן הייסט עס, אַז ווען עס וועט זיך אָנפאַנגען דער פיש־פאַנג אין (—) לאָפאָטען, דאַרף מען שוין זײַן פיקס און

פּאַרטינג", — האָט ראַלאַנדסען געזאָגט און האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט. אָה, אָה, ווי ווייניג דאָס האָט איהם אַלץ גע- הארט. איך מיין ווייטער, דאָס מיר וועלען דינגען אַ קליינעם דאַמפּפער, וועלכען פֿריעדריך וועט קענען פֿיה־ען".

„פֿריעדריך בעקומט פֿילייכט איצט אַן אַנדער פּאָסטען. אָבער מיר וועלען נאָך קענען רעדען וועגען דעם געגויער; עס האָט צייט ביז מאָרגען".

„אין מיט־נאַכט פֿאָהר איך צוריק".—„נו, הערט נאָר אַ מעשה"! האָט מאַק אויסגערופֿען.

ראַלאַנדסען האָט זיך אויפֿגעשטעלט און קורץ געזאָגט: „אום מיט־נאַכט"! אַזוי פֿעסט און אונבויגזאַם האָט ער געוואָלט זיין.

„איך האָב ווירקליך געמיינט, אַז איהר וועט דאָ אי- בערנעכטיגען ביי אונז געלעגענהייט. איך קען דאָך זיכער זאָגען, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ קליינע געניגענדע איבערזאַכע".

זיי זיינען געגאַנגען הין און צוריק, זיך פֿערמישט צווי- שען די אַנדערע און געפּלוידערט באַלד דאָ, באַלד דאָרט. ווען ראַלאַנדסען האָט אַנגעטראָפֿען דעם קאַפּיטאַן הענריק- סען, האָבען זיי צוזאַמען געטרונקען ווי גוטע בעקאַנטע באָטש זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט געזעהן. דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ גוטמוטהיגער, אַביסעל דיקליבער העדר.

די מוזיק האָט אַנגעפֿאַנגען צו שפּילען אין דריי צימערן איז געווען געגרייט דער טיש און ראַלאַנדסען האָט זיך אַזוי געשיקט איינגעריכטעט, דאָס ער האָט זיך געזעצט אויף אַ פּלאַץ, וואו עס זיינען ניט געווען קיין פֿאָרנעהמע לייט. אַרומגעהענדיג די טישען האָט איהם דער אַלטער מאַק אויסגעפֿונען און געזאָגט: „איהר זיצט גאָר דאָ? נו, יאָ, און איך האָב געוואָלט..."

ראָלאַנדסען האָט געענטפערט: „טויזענדער דאַנקען, מיר קענען אייער רעדע אויך פון דאַנען הערען".

מאַק האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „ניין, איך האַלט ניט קיין רעדע"! מיט אַ גערדאַנק־פולער מיענע איז ער אַוועקגעגאַנגען; עפּעס האָט געשיינט ניט צו שטימען.

דער מאָהלצייט האָט זיך געענדיגט, אַ סך וויין האָט זיך געגאָסען און דער מענשען־טומעל איז געווען גרויס. ביים קאַווע־טרינקען האָט זיך ראָלאַנדסען אַנידערגעזעצט און אָנגעשריבען אַ טעלעגראַמע, עס איז געווען צו דער יונגפרוי וואַן לאָאָז אין בערגען: די צייט איז דורכאויס ניט שפּעט. קום נאָך צפון נאָר אַזוי שנעל ווי דו קענסט. דיין אָווע.

אויך אַזוי איז גוט געווען, אַלעס איז געווען גוט און הערליך! ער אַליין האָט אַוועקגעטראָגען די טעלעגראַמע אויף דער סטאַציאָן און האָט געזעהן ווי מען האָט איהר אַוועקגעשיקט. דאַן האָט ער זיך צוריקגעקעהרט. ביי די טישען איז איצט צונגענגען לעבהאַפטיג, מען האָט זיך געביטען מיט די פּלעצער. עליזע איז צו איהם צוגעגאַנגען און דערלאַנגט די האַנד. זי האָט זיך ענטשולדיגט, וואָס זי איז פריהער פערבייגעגאַנגען.

„ווייסט איהר כאָטש ווי שעהן איהר זייט היינטיגען אָבענד"—האָט ער געזאָגט מיט אַ זיכערען טאָן און העפליך.

„מיינט איהר אַזוי"?

„רעס האָב איך אימער געמיינט. איך בין דאָך אייער אַלטער פערהערער, איהר ווייסט עס דאָך. ניין, דערמאָהנט זיך נאָר, ווי איך האָב אויך פאָריגען יאָהר געמאַכט אַ פאָר־שלאַג"!

דער דאָזינער טאָן איז איהר לפנים ניט געפעלען גע־וואָרען און זי איז אַוועקגעגאַנגען. אָבער אַביסעל שפּעטער האָט ער איהר ווידער געטראָפען. פריעדריך מיט זיין כלה

האָבען אָנגעהויבען דעם טאַנץ, דער באָל איז געווען אין פולען גאַנג און קיינער האָט זיך ניט אַרומגעקוקט ווי זיי דיידען צוזאַמען.

עליזע האָט געזאָגט: „אמת, איך קען אייך איבערגעבען אַ שעהנעם גרוס פון אייערער אַ גוטער בעקאַנטער, פון דער יונגפרוי וואַן לאָאָז".

„אַזוי" ?

„זי האָט געהערט אַז איך האָב חתונה און זי וויל ווערן מיין הויז־פערוואַלטערן. זי איז זעהר אַ טיכטיגע. יאָ, איהר קענט איהר דאָך בעסער פון מיר".—„יאָ, זי איז טאַקע זעהר טיכטיג. אָבער זי קען ניט ווערען אייער הויז-פערוואַלטערן".

„נייז" ?

ווייל איך האָב איהר נאָר וואָס טעלעגראַפירט און איהר אָנגעבאָטען אַן אַנדער שטעלע. זי איז מיין כלה".

איבעראַשט האָט איהם די שטאָלצע פריילייז אָנגע־קוקט. „איך האָב געמיינט, אַז צווישען אייך איז שוין געווען אַלעס געענדיגט", — האָט זי געזאָגט.

„נו, איהר ווייסט דאָך, אַלטע ליעבע.... עס איז שוין געווען געענדיגט, אָבער—".

„יאָ, אַזוי", — האָט זי ווייטער געזאָגט.

„איך מוז אייך זאָגען, אַז איהר זייט נאָך קיינמאָל אַזוי שעהן ניט געווען, ווי היינט אָבענד", — האָט ער געזאָגט מיט אַ נראַנדיעזער העפליכקייט. און דאַן דיעזע קלייד, דיעזער דונקעל־רויטער סאַמעט"! אויך מיט די דאָזיגע ווערטער איז ער געווען צופריעדען; ווער האָט עס געקענט וויסען אַז הינטער זיי איז פערבאָרגען אַן אונרוהיגקייט.

„הפנים, אַז איהר זייט ניט געווען אין איהר צו שטאַרק פערליעבט"—,האָט זי געזאָגט.

ער האָט בעמערקט, אַז איהרע אויגען זיינען פייכט און

האָט זיך פֿערוואונדערט; אויך איהר געענדערטע שטימע האָט איהם פֿערווירט געמאַכט און זיין געזיכט האָט בעקומען אַ גאַנץ אַנדער אויסדרוק.

„וואו איז איצט אייער גרויסע רוהיגקייט", — האָט זי אויסגערופֿען און זיך — צולאַכט.

„איהר האָט עס אַוועקגענומען", — האָט ער געמורמעלט.

זי האָט איהם פלוצלונג אַ גלעט געטהון איבער'ן האַנד, איין איינציג מאָל, און איז אַוועקגעגאַנגען. זי איז ווייטער געלאָפֿען איבער די צימערן, קיינעם ניט געזעהן, גאָרניט געהערט, געלאָפֿען, נאָר געלאָפֿען. ביים אַרויסגאַנג איז געשטאַנען איהר ברודער און האָט איהר אַ רוף געטהון; זי האָט אומגעדרעהט צו איהם איהר לאַכענדעס געזיכט און פֿון איהרע אויגען האָבען געפֿלאַסען טרעהרען; זי איז אַרויפֿגעלאָפֿען די טרעפּ צו זיך אין צימער אַריין.

מיט אַ פֿיערטעל שעה שפּעטער איז צו איהר אַריינגעקומען דער פֿאָטער זי איז איהם אַרויפֿגעפֿאַלען אויף'ן האַלז און געזאָגט: „ניין, איך קען ניט".

„אַזוי. ניט איז ניט. אָדער דו מוזט ווידער אַרונטערגעהן און טאַנצען; מען פֿרעגט זיך אויף דיר. און וואָס האָסטו דאָס אַזוינס געזאָגט ראָלאַנדסענען? ער איז אַזוי פֿערענדערט. ביסטו ווידער געווען צו איהם אונהעפֿליך"?

„ניין זשע, ניין. איך בין ניט געווען אונהעפֿליך צו איהם".

„דאַן מוזטו עס ווידער גלייך גוט מאַכען. אום צוועלף אוהר פֿאָהרט ער אָב".

„אום צוועלף"? עליזע האָט זיך גלייך גרייט געמאַכט און געזאָגט:

„איצט געה איך"...

זי איז אַרונטערגעגאַנגען און גערעדט מיט'ן קאַפּיטאַן הענריקסען, „איך קען ניט", — האָט זי געזאָגט.

ער האָט ניט געענטפערט.

„פּילייכט בעגעה איך אַן אונרעכט אָבער עס איז אונ־מעגליך פאַר מיר".

„יאָ, יאָ", דאָס איז געווען אַלעס וואָס ער האָט געזאָגט.

מעהר האָט זי ניט געקענט ערקלעהרען און דערצו נאָך איז דער קאַפּיטאַן געווען אַזוי קאַרג איף ווערטער; מיט דעם האָט זיך עס געענדיגט. עליזע איז געגאַנגען צו דער סטאַציאָן און האָט טעלעגראַפירט צו דער יונגפרוי וואַן לאָאַז אין בערגען, אַז זי זאָל ניט אָננעהמען אָיוע ראָלאַנד־סענס פאָרשלאַג, ווייל אויך איצט מיינט ער עס ניט ערנסט. אַ בריעף פאָלגט. עליזע מאַק.

דאַן איז זי צוריקגעקומען און האָט ווידער אַן אַנטהייל גענומען אין טאַנצען. „איז עס אמת, אַז אום 12 אוהר פאָהרט איהר אַהיים"? האָט זי געפרעגט ראָלאַנדסענען.

„יאָ".

„איך פאָהר מיט אייך צום פאַבריק, איך דאַרף דאָרט עטוואָס בעזאָרגען".

און זי האָט איהם ווידער געגלעט איבער'ן האַנד.